THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
MAY 23 1924
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

# דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אומאפהענגיג
נאציאנאל.

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען.

VOLUME XI No. 4190 WEDNESDAY MAY 2 1924 יז אייר פרשה בהר תרפ"ד. טאראנטא, מיטוואך דער 21־טער מאי, 1924. PRICE THREE CENTS

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

# סטודענטען מאכען בלוטיגע פאגראמען אין טראנסילוואניע, פילע אידען טויט און פארוואונדעט

**פאגראם־כוואליע אין גאנץ טראנסילוואניע. — פארלויפיג ווייס מען פון צוועלף דער'הרג'עטע אידען. — א גרויסע צאהל פארוואונדעטע. — אידישער סטודענט אויפגעהאנגען אין מיטען גאס און זיין מוטער פארברענט לעבעדיגערהייט. — אידישע געשעפטען בארויבט און אונטערגעצונדען.**

וויען, מאי, 20, (איטא).

בארי‌כטען זענען אנגעקומען אהער פון קלאוזענבערג וועגען בלוטיגע פאגראמען וואס זענען פארגעקומען די לעצטע פאר טעג אין אלע שטעדט פון טראנסילוואניע. אידען זענען פאגראמירט געווארען איבעראל, אפילו אויף די באהנען. ביז איצט ווייסט מען וועגען צוועלף דער'הרג'עטע אידען און אונצעהליגע פארוואונדעטע.

איבעראל זענען אין דער שפיץ פון די פאגראמשטשיקעס געווען סטודענטען. שוידערליכע סצענעס האבען זיך אפגעשפילט אין פילע שטעדט. אין זאטמאר איז דער אידישער סטודענט היינריך קוגלער אויפגעהאנגען געווארען אין מיטען גאס. זיין אלטע מוטער איז באגאסען געווארען מיט קעראסין און די בעסטיעס האבען דער אומגליקליכער פארברענט אויף טויט.

אין דער שטאדט טעדרושום זענען אלע אידישע קראמען אויסגעראבירט געווארען און נאכהער האט מען זיי אונטערגעצינדען. די כוליגאנעס האבען זיך אריינגעריסען אין די הייזער און האבען צוזאמענגעטריבען די אידישע פרויען, נאקעטערהייט, אויפ'ן מארק־פלאץ.

אין קלאוזענבערג האבען געהיים־אגענטען באטייליגט זיך אין דעם פאגראם, און נאכהער האבען זיי געמאכט א דעמאנסטראציע פאר'ן קרוינפרינץ קארל, וועלכער האט זיך דאן געפונען אין שטאדט.

די פאגראם ־ כוואליע איז נאך ניט פאראיבער. סטודענטען אגיטירען צווישען די פויערים, אז זיי זאלען צושטעהן צו דער בלוטיגער פאגראם־ארבייט.

## וואודסוואירט שטעלט הארבע פראגען דעם ארבייטס מיניסטער

**וויל וויסען פארוואס די רעגירונג פיהרט ניט איין אכט שטונדיגען ארבייטס־טאג. — געזעצגעבונג געפלאנעוועט וועגען שיקען מיליטער געגען סטרייקער.**

אטאווא, מאי, 20.

נעכטען האט זיך אין פארלאמענט געהאנדעלט וועגען ארבייטער־פראגען. האן. מורדאק, דער ארבייטס ־ מיניסטער, האט פארגעלעגט די ,,עסטימייטס'' פון זיין דעפארטמענט און דאס האט געגעבען א געלעגענהייט דעם לייבאר ־ פארטרעטער וואודסוואירט, צו ארויסקומען מיט הארבע טענות געגען דעם מיניסטער.

וואודסוואירט האט געוואלט וויסען פארוואס די רעגירונג פיהרט ניט דורך א געזעץ וועגען אן אכט שטונדיגען ארבייטס־טאג. די רעגירונג האט אונטערגעשריבען אן אפמאך וועגען אן אכטשטונדיגען ארבייטס־טאג וואס איז אנגענומען געווארען אויף דער ערשטער אינטערנאציאנאלער לייבאר קאנפערענץ פון פעלקער־בונד און אויב זי וויל עס ניט דורכפיהרען טא זאל די רעגירונג זיך צוריקציהען פון יענעם אפמאך.

וואודסוואירט האט אויך געוואלט וויסען פארוואס די רעגירונג דערלאזט, אז די שטאל־ארבייטער אין נאווא סקאשיא זאלען ארבייטען מעהר פון אכט שטונדען. אויב די רעגירונג קאן שיקען מיליטער געגען די ארבייטער ווען זיי סטרייקען דארף זי אויך קאנען צווינגען די באלעבאטים צו באהאנדלען מענשליך די ארבייטער.

מורדאק האט געענטפערט, אז די רעגירונג האט ניט אזא מאכט. ער האט ווייטער פארזיכערט, אז עס וועלען פארגעשלאגען ווערען אמענדמענטס צום ,,מיליטשיא עקט'' וואס האבען צוטאן דירעקט מיט דער פראגע פון שיקען מיליטער געגען סטרייקער.

אן אינטערעסאנטען פאקט האט ארויסגעבראכט דער פראגרעסיווער פארטרעטער, הערי לידער. ער האט מיטגעטיילט אז אויף א קאנפערענץ פון פראווינציעלע און פעדעראלע פארטרעטער אין 1922, וועגען ארבייטער פראגען, האבען זעכציג מענשען אפגעגעסען א דינער וואס האט געקאסט 347 דאלאר

## מעקדאנאלד לאזט ניט באליידיגען די סאוויעט דעלעגאציע

לאנדאן, מאי 20

שארפע פראטעסטען האבען זיך געהערט נעכטען אין פארלאמענט ווען אייניגע קאנסערוואטיווע מיטגליעדער האבען געמאכט א פארזוך צו באליידיגען די סאוויעט דעלעגאציע וואס געפינט זיך איצט אין לאנדאן.

סער לעאנארד לעיל האט אנגעפרעגט ביים פרעמיער צו ער איז זיכער, אז די סאוויעט־פארטרעטער פיהרען ניט אן קיין פראפאגאנדע. נאך א קאנסערוואטיווער האט געזאגט, אז דער פרעמיער אליין האט ערווארטעט אזעלכע ''מאנקי טריקס'' פון דער סאוויעט דעלעגאציע.

מעקדאנאלד האט געענטפערט, אז די דעלעגאציע איז פון א פריינדליכער נאציאן, וואס איז אנערקענט פון ענגלאנד און מען דארף אננעהמען, אז זיי וועלען ניט טאן אזעלכע זאכען וואס וועלען שווערער מאכען די פארהאנדלונגען מיט זיי.

## ענגלישע קאמוניסטען פארדאמען די לייבאר רעגירונג

מאנטשעסטער מאי 20.

נעכטען האט זיך דא געשלאסען די קאנווענשאן פון דער ענגלישער קאמוניסטישער פארטיי, נאך דעם ווי עס זענען אנגענומען געווארען א רייהע רעזאלוציעס וועגען דער פראגראם און טאקטיק פון דער פארטיי.

די לייבאר־רעגירונג איז פארדאמט געווארען אויף דער קאנווענשאן מיט די שארפסטע ווערטער, אין דער רעזאלוציע ווערט געזאגט, אז די לייבאר־רעגירונג האט פארראטען דעם ארבייטער קלאס און איז א געהארכזאם געצייג און ארויסהעלפער פון די קאפיטאליסטישע עקספלאאטאטארען.

נאך א רעזאלוציע זאגט זיך ארויס פאר דעם, אז די קאמוניסטען זאלען אריין אין דער לייבאר פארטיי און זוכען דארט צו איבערנעהמען די פיהרערשאפט.

די קאנווענשאן האט אנגענומען א פראגראם אין וועלכער עס ווערט ערקלעהרט, אז די מאנארכיע מוז אפגעשאפט ווערען און אז די ענגלישע אימפעריע דארף אויפגעלייזט ווערען. אלע קאלאניעס און פראטעקטאראטען דארפען אפגעשאפט ווערען. אייגענטום און אינדוסטריע דארף נאציאנאליזירט ווערען אהן פארגיטיגונג. ווייטער ערקלעהרט זיך די פארטיי פאר דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט.

### ווילען רעגולירען די פוסגעהער

דער סיטי קאונסיל האט באשלאסען צו אינסטרואירען דעם טשיף אוו פאליס, אז ער זאל פארלעגען א ביי־לאו וועגען רעגולירען די פוסגעהער. עס הייסט, אז די פוסגעהער זאלען זיך דארפען אונטערווארפען סיגנאלען פון ,,טרעפיק'' פאליסלייט.

## היינט אווענט א קאנפערענץ פון ליידים אוקזילערים וועגען פלייש־יקרות

**די קאנפערענץ איז פאררופען פון צוויי פרויען ־ ארגאניזאציעס. — בעאמטע פון אלע ליידים אוקזילערים אויפגעפאדערט צו קומען. — קהלה לייקענט, אז זי איז שולדיג אין די געהעכערטע פרייזען. — יוניאנס וועלען נעהמען א שטעלונג. — מעגליך זיי זאלען עפענען א קאאפעראטיווע בוטשער שאפ.**

דער פראטעסט פון די אידישע פרויען געגען דער אומדערהערטער העכערונג פון די פלייש ־ פרייזען ווערט היינט אננעהמען א באשטימטע פארמע. אויף היינט אווענט איז פאררופען געווארען א קאנפערענץ פון אלע ליידים אוקזילערים און סאסייטיס, אין פארבאנד ־ אינסטיטוט, און דארט וועט ארומגערעדט ווערען די איצטיגע לאגע און מיטלען וועלען אנגענומען ווערען געגען דעם געמאכטען פלייש יקרות.

אזוי ווי די צייט איז קורץ זענען צו דער קאנפערענץ גערופען די בעאמטע פון די פרויען ־ ארגאניזאציעס. די קאנפערענץ איז ארגאנזירט פון דער מאזירער לידיס אוקזילערי און פון ש. פרוג פרויען קלוב ברענטש פיער, אידיש נאצ. ארב. פארבאנד.

נעכטען האט זיך די לאגע פון פלייש יקרות גאר ניט געענדערט, איסער וואס די צוויי קריגערישע צדדים, באשולדיגען איינע די אנדערע אלס די פאראורזאכער פונ'ם פלוצלינגען יקרות.

די ''קהל עדת ישראל'' ערקלעהרט, אז צוליעב דעם וואס אין ''סיטי שלאכט הויז'' זענען פארמאכט די טירען פאר די שוחטים, מוזען די בוטשערס העכערען די פלייש פרייזען, ווייל זיי האבען ניט גענוג פלייש פאר זייערע קאסטימער.

דאנעגען ערקלעהרען די קהלה טוער (זייער ערקלעהרונג איז אויך אן אנדערזייט אין דער צייטונג) אז זיי זענען גאר ניט שולדיג, אז זיי האבען ניט צו טון מיט דער העכערונג אויף די פרייזען, און אז זיי שעכטען בלויז פאר אכט אידישע בוטשערס.

די בוטשערס, די וועלכע זענען פארינטערעסירט אין דעם עסק, די וועלכע נעהמען דערוויל די הויכע פרייזען — זיי שווייגען איינגאנצען, גלייך ווי מיט זיי וואלט דער גאנצער קאמף קיין שייכות ניט געהאט.

יוניאן טוער אינטערוויוירען די רבנים.

פארשטעהער פון ביידע גרויסע יוניאנס, פון די קלאוקמאכער יוניאן, און פון דער אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס, האבען נעכטען בייטאג גערעדט מיט די רבנים וועגען דעם פלייש יקרות ווי אויך ווער עס זענען די פאראורזאכער פונ'ם גרויסען יקרות, און צו א פארטרעטער פון דער צייטונג האבען זיי ערקלערט, אז די איצטיגע לאגע איז ווירקליך אזא אז די יוניאנס צוזאמען מיט'ן ארבייטער רינג, און אידיש נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד וועלען מוזען גרינדען א קאאפעראטיווע בוטשער שאפ, וואו פלייש זאל פארקויפט ווערען ביליג.

דער פרייז פון בהמות, איז אין לויף פון דער לעצטער צייט ניט געשטיגען, און עס איז ניטא קיין אורזאכע פארוואס כשר פלייש זאל טייערער ווערען.

וועלען העכערען נאך פינף סענט

אין אונזער נעכטיגער אויסגאבע, האבען מיר שוין איבערגעגעבען וועגען דער האלטונג פון די בוטשערס. אין לויף פון נעכטיגען טאג האבען אונז פילע פרויען אינפארמירט, אז זיי ווערען זעהר ניט שעהן באהאנדעלט אין די בוטשערשעפער. וואו זיי ענטזאגען זיך צו צאהלען אזעלכע הויכע פרייזען, און אז אין פילע פלעצער האבען די בוטשערס פארזיכערט, אז דאס איז בלויז אן אנפאנג פון הויכע פרייזען, און אז זיי וועלען מוזען צאהלען נאך פינף סענט אויפ'ן פונט פלייש טייערער.

יוניאנס וועלען אויפנעהמען די פלייש פראגע.

די ערשטע פראגע אויפ'ן טאגעס־ארדנונג ביי די יוניאנס, וועט זיין די פלייש פראגע, אזוי האבען די פארשטעהער פון די יוניאנס ערקלעהרט.

די יוניאן לאקאלס האבען ערשט זייערע פארזאמלונגען דאנערשטאג נאכט. דאמאלס פארזאמעלט זיך אויך די דזשאינט באארד וועלכע וועט באשטימען וואס פאר א שטעלונג די יוניאנס זאלען נעהמען צו דער פראגע.

## היינט דער קאנצערט פון מושב זקנים אין לאוס ווינטער גארדען

א זעלטען שעהנער קאנצערט, מיט זעהר א רייכען פראגראם, אין וועלכען עס באטייליגען זיך פילע אנערקענטע קינסטלער. דאס וועט זיין היינט אווענט אין לאוס ווינטער גארדען, יאנג סטריט, ביים קאנצערט פון מושב זקנים.

די יעהרליכע קאנצערטען פון מושב־זקנים, זענען שוין געווארען א שטענדיגע אינסטיטוציע, וואס צייכענען זיך אימער אויס מיט זייער אריגינאליטעט און שעהנקייט, און דער היינטיגער פראגראם וועלכער ווערט אנאנסירט, איז פיעל רייכער ווי די ביז איצטיגע.

עס ווערט דארום ערווארטעט א זעהר גרויסער עולם ביים היינטיגען מושב־זקנים קאנצערט אין לאוס ווינטער גארדען.

## בילדער איבערגעשיקט דורכ'ן טעלעפאן

ניו־יארק, מאי, 20.

די אמעריקען טעלעפאן און טעלעגראף קאמפאניע האט נעכטען איבערגעשיקט פופצעהן פאטאגראפישע בילדער דורכ'ן טעלעפאן פון קליוולאנד קיין ניו־יארק. דאס האט געדויערט צוויי שטונדען.

די דערהאלטענע בילדער זענען אלע ארויסגעקומען זעהר גוט און זענען געווען פאסיג אויף איבערצודרוקען אין צייטונגען.

## באנדיט דער'הרג'עט אין א האלד אפ אין וויניפעג

וויניפעג, מאי 20.

אן איינצעלנער באנדיט וועלכער האט היינט געמאכט א האלד אפ אויף דער באנק אוו מאנטרעאל איז דערשאסען געווארען פון א פאליסמאן. מען האט ביי איהם געפונען די 1,500 דאלאר וואס ער האט צוגענומען פון באנק.

## אינגעל שטארבט פון די בראנד וואונדען

עדוארד סייקס, א פיער יעהריגער אינגעלע פון 207 וויקטאריא עוועניו, וועלכער איז שטארק צוברענט געווארען לעצטען שבת שפילענדיג זיך מיט שוועבעלאך, איז מאנטאג געשטארבען פון די וואונדען.

## פארם ־ ארבייטער געפונען א דערשאסענער

רענפריו, אנט., מאי, 20.

הערמאן פרייס, א פארם־ארבייטער איז נעכטען ביינאכט געפונען געווארען א דערשאסענער. לעבען איהם איז געלעגען א רעוואלווער. עס איז נאך ניט פעסטגעשטעלט צו דאס איז מארד אדער זעלבסטמארד.

## מאהנען 5 מיליאן פון האום באנק דירעקטארן

די ליקווידאטארס פון דער אונטערגעגאנגענער האום באנק, דזשי. קלארקסאן און י. וועלדאן, האבען איצט אנגעקלאגט זיבען פון די געוועזענע דירעקטארען פון האום באנק אויף פינף מיליאן דאלאר. די דירעקטארען ווערען באשולדיגט, אז זיי האבען דורך זייער נאכלעסיגקייט געבראכט צו דעם באנקראט, און דעריבער זענען זיי פערזענליך פאראנטווארטליך פאר די פארלוסטען וואס מענשען האבען געליטען.

## אראבישער קאנגרעס וועט זיך פארזאמלען דעם 15־טען יוני

ירושלים, מאי 20, (איטא).

דער אראבישער קאנגרעס וועט זיך פארזאמלען דעם 15־טען יוני.

## סכסוך איבער מעמעל איז ענדליך געשליכטעט

**ליטא האט ענדליך אונטערגעשריבען דעם אפמאך. — די שטאדט בלייבט ביי ליטא און פוילען וועט קענען באנוצען דעם האפען.**

—):,:(—

לאנדאן, מאי, 20.

דער סכסוך איבער דער שטאדט מעמעל איז ענדליך געשליכטעט געווארען, ווען די ליטווישע רעגירונג האט שבת ראטיפיצירט דעם אפמאך.

דער סכסוך איבער מעמעל האט אנגעהאלטען אייניגע יאהר און האט געדראהט מיט א מלחמה, מיט א יאהר צוריק, ווען ליטווישע מיליטער האט פארכאפט די שטאדט. דער פעלקער־בונד האט זיך דאן אריינגעמישט און א קאמיסיע, מיט דעם אמעריקאנער נארמאן דייוויס בראש, איז באשטימט געווארען צו שליכטען דעם סכסוך. ערשט איצט האט די קאמיסיע פארענדיגט איהר ארבייט ערפאלגרייך. אין די קרייזען פון פעלקער ־ בונד באטראכט מען עס פאר'ן גרעסטען אויפטו.

## הערי טהאו באפרייט

פילאדעלפיע, מאי, 20.

הערי ק. טהאו, דער מיליאנער וואס האט ערמארדעט דעם ארכיטעקט סטענפארד וויט, איז נעכטען באפרייט געווארען, נאך דעם ווי ער איז זיבעצען יאהר געזעסען אין תפיסה און אין משוגעים־אנשטאלטען.

## פארהער פון פיטער סמיט הויבט זיך אן מארגען

דער פראלימינערער פארהער פון פיטער סמיט, געוועזענער פראווינציעל טרעזשורער, וועט זיך אנהויבען מארגען נאכמיטאג אין פאליס קאורט און וועט ווארשיינליך פארנעהמען אויך פרייטאג דעם גאנצען טאג.

## באנוס־ביל ווערט א געזעץ טראץ דעם וועטא

וואשינגטאן מאי 20

דער סאלדאטען באנוס־ביל איז נעכטען געווארען דאס געזעץ פון לאנד, טראץ דעם פרעזידענט'ס וועטא. דער סענאט האט אנגענומען דעם ביל מיט 59 שטימען געגען 26.

איבער דריי מיליאן וועטעראנען וועלען לויט דעם נייעם געזעץ קריגען אינשורענס־פאליסעס פון דער רעגירונג. א קלענער טייל פון זיי וועט אויך קריגען קעש באנוס.

## דייטשע כוליגאנעס באפאלען אידישע פארוויילונג

בערלין, מאי 20 (איטא).

בעת א פארוויילונג פון אידישען ספארט פאראיין אין האלע האבען פלוצלינג האקענקרייצלער זיך אריינגעריסען און זיי מיט א געשריי: ''לעבען זאל היטלער!'' זיי האבען געשמיסען די פארזאמעלטע מיט בייטשען און פילע זענען פארוואונדעט געווארען.

צוואנציג כוליגאנעס זענען ארעסטירט געווארען.

## אמעריקאנער מיניסטער וויל א וויסענשאפטליכען אימיגראציאנס ביל

—):o:(—

וואשינגטאן מאי, 20 (איטא).

אדרעסירענדיג די קאנווענשאן פון אינדעפענדענט ארדער ברית שלום, האט מיר דייוויס, דער סעקרעטארי אוו לייבאר ערקלעהרט, אז ער איז צוגונסטען א וויסענשאפטליכען אימיגראציאנס־ביל ''וואס זאל זיין גוט פאר אמעריקע און אלע צייטען''. דאס דארף זיין אזא אימיגראציאנס־געזעצגעבונג, האט ער געזאגט, וואס זאל זיך צופאסען צו דער אינדוסטריע און ניט זיין א לאסט אויף דער עקאנאמישער סטרוקטור פון דער נאציאן.

אין דער קאנווענשאן נעהמען אנטייל זעקס הונדערט דעלעגאטען. דזשאזעף פאקס פון באלטימאר איז איינשטימיג ווידער ערוועהלט געווארען אלס גראנד־מאסטער.

## זאגט, אז מען האט איהם פארנארט און געצוואונגען חתונה האבען

דזשאן אניעל, א צוואנציג יעהריגער בחור, פון 31 ענדערביי ראוד, איז נעכטען אריינגעקומען אין פאליס סטיישאן און האט דערצעהלט א מאדנע געשיכטע. מאנטאג נאכט, האט ער געזאגט, האבען די צוויי ברידער, ביל און קרעימילער, פארנארט איהם אין אן אויטאמאביל און פארפיהרט איהם אין א הויז, וואו זיי האבען איהם געצוואונגען צו חתונה האבען מיט זייער ניינצעהן־יעהריגער שוועסטער, וועלכע ער האט געקענט בלויז פונדערווייטענס.

די צוויי ברידער האבען אנגעשטעלט אויף איהם רעוואלווערן, האט דער בחור דערצעהלט. א גלח איז געווען און אויך אן אפיציעלע מערידזש לייסענס. אין סיטי האל האט ער טאקע נעכטען פריה ערפאהרען, אז מען האט ארויסגענומען א מערידזש לייסענס אויף זיין נאמען.

## שמריהו גארעליק האלט היינט די ערשטע לעקציע

ביי א לאנטשעאן לכבוד איהם אין קינג עדווארד האטעל.

—):::(—

אין דער פאמפעין רום, אין קינג עדווארד האטעל, וועט היינט 8 אווענט געהערט ווערען דער ערשטער רעפעראט, פון באוואוסטען אידישען שריפטשטעלער און ציוניסטישען עסקן, הער שמריהו גארעליק, וועלכער געפינט זיך איצט צו גאסט ביי אונז אין שטאדט.

הער גארעליק וועט ריידען איבער דער טעמע ''וואס מיר האבען פארלוירען אין די לעצטע פופצעהן יאהר''. א טעמא וועלכע באהרט דאס אידישע לעבען אין די לעצטע יאהרען, און וועגען וועלכען עס וועט געווים געהערט ווערען א נייע ווארט פון גייסטרייכען אידישען שריפטשטעלער.

נאך דעם רעפעראט וועט פארקומען א לאנטשעאן, אלס א קבלת־פנים פאר'ן גאסט.

## סימבירסק, געבורטס־שטאדט פון לענין, הייסט איצט אוליאנאווסק

מאסקווע, מאי 20.

די סאוויעט־רעגירונג האט באשלאסען, אז די שטאדט סימבירסק, וואו ניקאלאי לענין איז געבוירען געווארען, זאל פון איצט אן הייסען אוליאנאווסק, אין אנדענקען פון לענינ'ס פאמיליען נאמען. אכית'ער נאמען ווי באוואוסט, איז געווען אוליאנאוו.

# „דעם גענעראלס טאכטער"

א ראמאן פונ'ם בארימטען דייטשען ראמאניסט

ב. קעלערמאן

(פארזעצונג)

דארא האט גערייכערט ענגלישע, אביסעל פארפיומירטע פאפּיראסען. זי האט זיי באקומען נאך איצט, פון וואַנען? — דאס איז געוועזען סוד און א רעטעניש פאר יעדען פון די געסט, א פאקט איז אבער, אז זי האט די ענגלישע פאפּיראסען, וועלכע איז צו יענער צייט שווערער געווען צו באקומען ווי פייגעלמילך, געהאט אין א געהעריגער צאהל און זיי באנוצט אהן שום באשרענקונג. היינץ האט זיך געפיהלט פאר גליקליך, וואס ער האט פארלאזען דארא'ס סאלאן. די אנוועזענהייט פון גענעראל האט דארט אויף איהם אזוי שטארק געווירקט, איהם ווי געפּענטעט און געבונדען, ער האט ניט געהאט די דרייסטקייט אין גענעראל'ס געזעלשאפט אפילו דאס מויל צו עפענען און א ווארט ארויסצורעדען. ער האט זיך אינ'ם גענעראל'ס נעגענווארט געהאלטען אזוי נאריש, אזוי קינדיש, אז ער קומט פאר אזוי לעכערליך ביי זיך אין זיינע אייגענע אויגען. די ארדענ'ס וואס האבען באדעקט דעם גענעראל'ס ברוסט און באזונדערס זיין געשטיקטע קראגען (אויפ'ן קראגען איז געווען אויסגעשטיקט עפעס א קאמעט), האבען אויף היינצ'ען א אונגעהויערען רושם געמאכט און צורודערט זיין פאנטאזיע. גליקליכערוויזע, — יא, דאס איז באמת געווען א גליק — האט דער גענעראל היינצ'ען גאר ניט באמערקט, נאר ביי דער באגריסונג האט דער גענעראל, כדי יוצא צו זיין, דערלאנגט די האנט און א ווארף געטאן אויף איהם יענעם ראשען, האלב־פאראכטענדען בליק, מיט וועלכען די הויכע אפיצירען באגריסען געוועהנליך די אפיצירען פון נידעריגען ראנג. אזא בליק באדייט: איך דערלאנג דיר די האנט אלס קאמעראד, פארשטעהסטו? פארגעס אבער ניט אויף וואס פאר א דיסטאנץ, ווי ווייט מיר שטעהען איינער פון אנדערען! איבריגענס, דעם גענעראל'ס האנט איז געווען, ווי א שטאהלענע און קאלט ווי אייז. קיינמאל וועט ער דעם דאזיגען האנט־דרוק ניט פארגעסען. און די מחשבות, וואס האבען שטענדיג געענגערט היינצ'עס יונגען קאפּ, האבען איהם איצט אויף דער גאס, ווידער באהערשט.

— צי גלויבט טאקע אייער פאטער באמת, אז מיר וועלען היינטיגען זומער זיין אין פאריז? — האט היינץ פלוצלונג און האסטיג זיך געווענדעט צו אטא'ן.

מיט זיין פראגע האט היינץ איבערגעריסען דעם פאדעם פון פארשידענע געדאנקען, וואס האט זיך געוועבט אין אטא'ס קאפּ, בעת ער האט זיך צוריקגעקעהרט אין דארא'ס סאלאן. אטא איז געווען אזוי איבערראשט פון דער דאזיגער פראגע, אז ער איז אויף א רגע געבליבען שטעהן. פון זיין מויל האבען זיך אין דער קאלטער לופט געטראגען גאנצע ראמפ־זיילען — אזוי שנעל האט אטא איצט געאטעמט. אין דרויסען איז געווארען שטארק קאלט, ער האט א קוק געטאן היינצ'ען גלייך אין די אויגען אריין, האט ערשט איצט פארשטאנען, וואס ער האט איהם געפרעגט און וואס ער וויל זיך דערוויסען און זיך פלוצלינג צולאכט.

— נאטירליך גלויבט ער עס. ער גלויבט אין דעם שוין זייט דריי יאהר. שוין אין יאהר 1914 האט ער מיר גאנץ ערנסט אנגעוויזען און אויפמערקזאם געמאכט ווי אזוי איך זאל זיך האלטען און וואס איך זאל טון — אין פאריז.

— איהר קענט זיך ניט פארשטעלען האט היינץ נאך א קורצער הפסקה געזאגט, — ווי איך בין אייך מקנא, וואס איהר פאהרט אפ מארגען צוריק אויפ'ן פראנט, וואס אייך איז באשערט זיך צו באטייליגען אין די היסטרישע גרויסע שלאכטען און בייוואוינען די גרויסע געשעהענישען, איהר זענט דאך איינער פון די גליקליכסטע, אטא. און מיר, שלי־מזל'ניק, איז נאך עד היום ניט אויסגעקומען אויפ'ן פראנט צו זיין. כ'בין ערשט די טעג, ניט קענענדיג זיך דערווארטען, מ'זאל מיך שוין רופען, א פעלדפליהער געווארען.

אטא'ן איז פלוצלינג שטארק קאלט געווארען. ער האט פעסט צוגעשפּילעט זיין מאנטעל. דער געדאנק וועגען פראנט און וואס איהם שטעהט דארט פאר האט באהערשט זיין גאנצען וועזען און איהם איז שטארק ביטער געווארען אויפ'ן הארצען. ס'האט איהם אזש פארכאפּט דעם אטעם און אויף א רגע איז דאס בלוט פארגליווערט געווארען אין זיינע אדערען, דערמאהנענדיג זיך אין די שרעקען און גיהנום, וואס דער פראנט שטעלט מיט זיך צייטענווייז פאר. ער האט זיך דערמאהנט אן דעם גרויסען ברייטען שטח, וואס געפינט זיך אין דער ממשלה פון מלאך־המות, אן די צושאסענע ברידער־קברים; אן די חורבות פון דערפער און שטעדט, אן די צובראכטע וועלדער — און די דאזיגע געדאנקען האבען זיך געלעגט ווי א שווערע לאסט אויף זיין הארץ און געמיט.

אטא איז שטארק אין כעס געווארען אויף היינצ'ען, וואס ער האט איהם דערמאהנט אן פראנט, וועלכען ער האט זיך אזוי געסטארעט ארויסצושלאגען פון קאפּ און פארגעסען. היינצ'עס ווערטער, אז ער איז איהם מקנא, וואס ער פאהרט אויפ'ן פראנט, זענען איהם פארגעקומען זעהר לעכערליך און נאריש..

— יעדער מענש — האט זיך אטא געטראכט, — יעדער, וועלכער האט נאך ניט פארזוכט דעם פראנט, ווי ס'געהער צו זיין, און ווייסט ניט, וואס איז אזוינס פראנט, — טראכט אזוי, ווי דער נאאיווער היינץ, און ווען ער ווערט גערופען, פאהרט ער אפ אויפ'ן פראנט, ווי אויף א חתונה, מלא שמחה. די מענשען זענען אזוי פארנארישט און פארבלענדעט בנוגע דעם פראנט, אז דעם, וואס פאהרט אהין אפ דאס ערשטע מאל, גיט מען אפ מזל־טוב און מען גראטולירט איהם נאך! א, נארישע מענשען, א, ווי פארבלענדעט איהר זענט!

שטעהענדיג אויף דער האלב־טונקעלער גאס, איז אטא שטארק דורכגענומען געווארען דורך דער קעלט און זי איז ווי אריינגעדרונגען אין אלע זיינע אברים. אין זיין מוח זענען איהם איבערגעלאפען די טרויעריגע זכרונות פון דעם שרעקליכען יאהר, וואס ער האט פארבראכט אין די נאסע אקאפּעס, וועגען די טויט־שרעקען, וואס האבען איהם פארפאלגט יעדע מינוט, וועגען די שוידערהאפטע בילדער פון טויט, וואס האט געאטעמט און געוועלטיגט ארום און ארום. א שוידער האט איהם אנגענומען ביים געדאנק, אז איהם שטעהט פאר פון מארגען אן ווידער אריינצופאלען אין דעם דאזיגען שרעקליכען גיהנום, זיין געזיכט איז געווארען ווייס ווי שניי און זיין הארץ האט געקלאפּט, ווי מיט א האמער, פון אנגסט און פארביטערונג.

— בעת דער קריעג איז אויסגעבראכען — האט היינץ געזאגט, — בין איך אלט געווען איינגאנצען פופצעהן יאהר, אזוי, אז איך האב דעמאלט נאך ניט געקאנט איינגערופען ווערען אין דער אקטיווער ארמיי, און אזוי־ארום איז מיר אויסגעקומען צו ווארטען אזא לאנגע צייט, ביז מען האט מיך אנגענומען אלס פליהער אין דער פליהער קאמערע.

— מיר האבען זיך אייך שטארק געפרעהט — האט אטא געזאגט — זיך ניט געקענט אנזעטיגען פון שמחה און נחת די ערשטע צייט, ווען די ערשטע גראנאטען פונ'ם שונא האבען זיך דערטראגען צו אונז און געפּלאצט מיט אזא הילכענדען קנאק.

נאר דא האט אטא זיך אפּגעשטעלט און איז פארשוויגען געווארען. ער האט באשלאסען, מעהר ניט צו שילדערען דעם גיהנום פון פראנט און ניט ארויפוואַרפען דערמיט א שרעק און פחד אויף דעם דאזיגען נאאיווען אינגעל. דאס, האט זיך אטא געטראכט, וואלט פון מיין זייט געווען אפשר א אומפארצייליכער פארברעכען. לאז דאס עהרליכע נאאיווע אינגעל בלייבען ביי זיינע שעהנע אילוזיעס, ביז דער שטורם פון דער ביטערער און טרויעריגער ווירקליכקייט וועט זיי ניט צושטערען און פון זיי מאכען א תל. צו וואס זאל ער איהם דערצעהלען וועגען די שרעקען און קאשמארען, וואס ער, אטא, האט איבערגעלעבט אויפ'ן פראנט און וואס שטעהען איהם, היינצ'ן פאר איבערצולעבען? צו וואס זאל ער איהם דערצעהלען וועגען דעם, ווי ער, אטא פלעגט זיך באדען אין שוויים פון שרעק און דעמאלט בעטען גאט, ער זאל מציל זיין פון טויט, ווען דער טויט האט געשוועבט יעדע מינוט ארום איהם.

נאר מיטגעריסען מיט'ן שטראם פון זכרונות, האט אטא זיך ניט געקענט איינהאלטען און דערצעהלט היינצ'ן ווייטער:

(ווערט פארגעזעצט)

**דיאמאנטען**

קעש אדער קרעדיט
זייט זיכער אנצוקוקען
אונזער גרויסען סטאק
פון דיימאנדס. מיר
גאראנטירען אייך צו שפּארען געלט.
**JACOBS BROS.**
15 טאראנטא ארקייד.
גיט אכטונג אויפ'ן עלעקטרישען סיין.

**מיידלאך און ווייבלאך**

ארדערט אייערע דרעסעס ביי
**מרס. גלאסמאן**
מיט 5 דאלאר א דעפּאזיט קענט איהר אָרדערען די שעהנסטע און סטיילישסטע דרעסעס צו ביליגע פרייזען. אויב ניט צופרידען קריגט איהר אייער געלט צוריק. מיר מאכען אויך מיט אייער וואָרע, גוט און ביליג.
16 בעלוויו עוועניו
טעלעפאן טריניטי J 0538
928-5-30)

**Willys Knigth**
ווילים ־ נייט אווערלענד
אויטאמאבילס
„די בעסטע קאר פאר דעם געלט"
**נייטען א. טיילאר**
ספּעציעלער אידישער פארטרעטער
טעלעפאן מיין 7777
רעזידענץ טריניטי 5235

**געלט צו אנטלייען**

אויב איהר דארפט געלט אויף ערשטע, צווייטע אדער דריטע מארטגיידזשעס סעקיוריטי, טעלעפאנירט אדער זעהט מיך
**מ. קאפּלענס**
81 ליפּינקאט סטריט.
טריניטי J 6952



דאד'ס קידני פילס זענען בלויז א נירען רפואה. זיי העלפען רומאטיזם, לאמביינא, ברייט'ס קראנקהייט, דיעביטיז, רוקען שמערצען, הארץ־שמערצען און יורינארישע ליידען. ווייל אלע פון זיי זענען אדער נירען ליידען אדער זענען פאראורזאכט דורך דער אונארדנונג פון די נירען. און דאדורך קענען זיי ניט טאן זייער ארבייט.

**רעוו. שאול זאב גרינגארטען**

**26 סיסיל סטריט**
איז דער באוואוסטער ערפאהרענער
**מוהל ומסדר קדושין**
טעלעפאן טריניטי W 7412
מיין פערזענליכען בעסטען אטענשאן גיב איך סיי אין האספּיטאל ווי אויך פּריוואט

## SUMMER RESORTS

**Erindale Clifton Garden Inn**

איז יעצט אפען פאר דעם זומער סיזאן.

מיר נעהמען יעצט אויף אפּליקיישאנס שריפטליך אדער ביי טעלעפאן פרייזען זעהר מעסיגע, גוטע שפּייז גאראנטירט, שעהנע לופטיגע רומס, וואסער צום באדען זיך.

עס איז בלויז איין האלבע שטונדע רייזע מיט דער באס גלייך ביז צום פלאץ.

דירעקשאנס:

נעהמט דאנדעס קאר ביז ראנימייד ראוד. נעהמט קוקסוויל באס ביז אירענדייל, בלויז 15 מייל פון טאראנטא.

אויך צו פארענטען אן 8 רומיגע הויז קאמפּליט געפוירנישט, עלעקטריק באלייכטונג, הארדוואוד פלארס פיין דעקארירט, גאראדזש און פרוכט

אויך אנאנסירען מיר דאס מיר האבען ערעפענט איין אייז קרים פארלאר און כשר לאנטש רום. פרייע פארקינג.

J. FRANKLIN, ERINDALE
Tel. Cooksville 94. R. 5.

## ביזנעס שאנסען
## Business Chances

**פייפער הענגינג און פיינטינג**

איך מאך די בעסטע דזשאבס אין פיינטינג און פייפּער הענגינג. גוט און ביליג. בעסטע צופרידענהייט. טעלעפאנירט גלייך. טריניטי F 8316
מ. קירשענבוים, 100 דעניסאן עוו.

**פייפער הענגינג און פיינטינג**

די אסינגטאנער פיינטינג און וואל־פּייפּער סטאר לאזט וויסען זייערע קאסטומער אז מיר פיינטען און דעקארירען אייערע הייזער צו די ביליגסטע פרייזען אויך פארקויפען מיר פייפּער צו די ביליגסטע פרייזען. גרויסער בארגיין אויף פיינט און וואל־פייפּער. גיט אונז א טרייעל. טעלעפאנירט לייקסייד 0947 אדער לייקסייד 7581 — 166 אסינגטאן עוועניו. איינענטימער **סעם קאַטץ.**
4866-5-18)

**טשעסטערפיעלדס**

טשעסטערפיעלד סעטס געמאכט צו־ארדער. די בעסטע מאטעריאל און ארבייט גאראנטירט. סייפט דעם ריטיילערס פּראפיט. מיר מאכען אויך ריפּיירס.
ניו־יארק טשעסטערפיעלד קא. 398 קאלעדזש סט. טעל. טריניטי 5839J
994-6-6)

איך נעהם אן צו אויסגראבען סעלערס אפענע אדער אונטער הייזער. טעלעפאנירט טריניטי J 9176. דזשייקאב ביינדער.
5187-6-15)

**דער פייפער הענגער און פיינטער**

איך מאך באקאנט מיינע קאסטימער אז איך מאך די בעסטע ארבייט אין פייפּערען און פיינטען פאר די ביליגסטע פרייזען צופריעדענהייט גאראנטירט.
שאפּירא 65 גרענדזש עוועניו.
טעלעפאן טריניטי W 9108.
אדער טריניטי J 1561
5239-6-30)

## פארלאנגט
## Want Ads.

פארלאנגט עקספּיריענסד אפּרייטערס צו סליפּערס. פרעגען 126 גארדען סטריט
1190-5-21)

פארלאנגט א מיידעל אדער א פרוי צו הויז ארבייט, קליינע פאמיליע, וויליג צו צאהלען פון 40 ביז 50 דאלאר א מאנאט. מוז קענען קאכען. גוטע היים. טעלעפאן דזשאנקשאן 5148.
5289-5-21)

פארלאנגט א פעהיגען מענער שניידער אריינצוגעהן אין ביזנעס אלס א פּארטנער, גאראנטירט צו מאכען א שעהנעם לעבען. פרעגען רענדאלף 5482.
5262-5-21)

פארלאנגט א מילינער פאר אונזער יאנג סטריט סטאר, מוז זיין פעהיג אלס א סיילסליידי און אויך איינשטימיג צו ארבייטען דריי אווענטען א וואך, גרעסטע געהאלט געצאהלט און סטעדי פּאזישאן. פרעגען 1173 בלור סטריט וועסט.
5254-5-21)

פארלאנגט א מיידעל בוקקיפּער און סטענאגראפער. שרייבט ווי אלט און עקספּיריענסד און ווידזשעס פארלאנגט. גיט רעפערענסעס צו „זשורנאל" באקס 681.
5256-5-22)

פארלאנגט א מאן מיט עטליכע טויזענט דאלאר אין א ניי עסטאבלישטע ביזנעס א גאלדען געלעגענהייט פאר דעם יעניגען וואס מיינט ביזנעס. שרייבט „זשורנאל" באקס 685
5285-5-23)

פארלאנגט אמיידעל צו לייכטע הויז ארבייט. בלויז 4 רומס צו אטענדען, א גוטע היים, גוטע ווידזשעס פאר די ריכטיגע פערזאן. פרעגען 374½ יאנג סט.
1207-5-22)

פארלאנגט א באי צו מענס טיילערינג, מוז קענען אביסעל שרייבען און לערנען ענגליש א גוטע געלעגענהייט פאר דעם ריכטיגען באי, פרעגען פירלעס טיילערינג קא. 463 קווין וועסט.
5276)

פארלאנגט עקספּיריענסד אפּרייטערס צו ניטעד סילק וועיסט און קאוטס. פרעגען 52 וועלינגטאן סטריט וועסט
5281-5-25)

פארלאנגט א מיידעל אדער א פרוי פאר לייכטע הויז ארבייט. פרעגען 106½ נעסאו סטריט.
5257-5-21)

פארלאנגט קאנטראקטארס צו איבערבויען א הויז פאר א שוהל. פרעגען 151 פאלמערסטאן עוועניו. פון 7 ביז 8 אין אווענט.
5260-5-21)

## צו פארקויפען

אויסצופארקויפען ליידיס פיגורס און דרעסעס סטענדס במעט ווי ניי. פרעגען 50 קענזינגטאן עוו.
5277)

צו פארקויפען סאלידי בריק הויז, 8 רומס, סלייט רוף $4800. קעש אראנדזשירט. 56 אגוסטא עוועניו.
5278)

צו פארקויפען אן אייז באקס, ביי־בים בעטעל, בייבי קערידזש, קיטשען טשערס. מוז שנעל פארקויפט ווערען סטאר שעלווס און קאנטער. פארלאז דאנערשטאג טאראנטא. פרעגען טריניטי 4146.
5286)

צו פארקויפען א טשיקען שלאכט־הויז מיט אלע קאנוויניענס. אורזאכען פארלאזען די שטאדט. שרייבט „זשורנאל" באקס 686.
5284-5-26)

צו פארקויפען דזשענטס פוירני־שינג און דריי גודס סטאר, גוטע ביזנעס בעסטע טאון לעבען טאראנטא, קליינער סטאק. אורזאכע מוז באלד פארלאזען קאנאדע. פרעגען ווילי איידעלמאן, 547 סאוט מיין סטריט, וועלאנד, אנטאריא.
5285-5-25)

100 אייקער. גוטעלף ריידיעל, גוטע לאנד, בילגער איידער דער פרייז פון בילדינגס. פרעגען דרומאנט קאמפּאני, 18 טאראנטא סטריט.
5283-5-22)

## צו פארענטען
## To Let

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס אלע קאנוויניענס, גאז און עלעקטריק סינק אין קיטשען, טעלעפאן צום נוצען פרעגען 284 יוראן סטריט.
5214-5-21)

צו פארענטען א קליינעם מאנופעקטשורינג פלעט, נעגעב דעדלייד און ספּעדיינע. פרעגען טעל. עדלייד 5067.
1145-5-22)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס, אלעק אנוויניענס, קאפּבארדס און יעדער רום, סינק אין קיטשען, סעפּרעט גאז, עלעקטריק, מעסיגע רענט. פרעגען 16 לעאנארד עוועניו.
1189-5-22)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס אלע קאנוויניענס, פיקטשורס, הארדוואוד פלארס, טעלעפאן צום נוצען, פרעגען 444 יוקליד עוועניו נארט אף קאלעדזש.
5241-5-21)

צו פארענטען 102 נעסאו סטריט 7 רומס הויז נייע דעקארייטעט, עלעקטריק, פארנים, מעסיגער פרייז, טעלעפאנירט טריניטי W 7941
1203-5-23)

צו פארענטען אדער פארקויפען 568 דאנדעס וועסט 9 רומס, אלע קאנוויניענס. טעלעפאנירט טריניטי 7003 אדער טריניטי W 7275.
1206-5-27)

צו פארענטען אן אפּארטמענט, אלע קאנוויניענס, נאכפרעגען 87 סענט פּעטריק סט. טעלעפאן קענוואוד W 8335
5280-5-25)

צו פארענטען א שעהנע סטאר אין אין 303½ קווין איסט, עלעקטריק און טעלעפאן. $15 א מאנאט רענט. פרעגען אויפ'ן פלאץ.
5274-5-23)

צו פארענטען א דריי רומיגען פלעט אלע קאנוויניענס, ניי דעקארירט, טעלעפאן צו יוזען. פרעגען 33 גארוויל עוו.
5275-5-22)

א פוירנישד רום צו פארענטען ביי א פּריוועט פאמיליע. אויך טעלעפאן צום נוצען. 79 באָרדען סטריט. טעלעפאן טריניטי 9325.
5273-5-21)

צו פארענטען אדער פארקויפען א הויז, 6 רומס, אלע מאדערנע קאנוויניענס. $25 א מאנאט רענט. פרעגען 18 קענזינגטאן פּליים.
5251-5-22)

צו פארענטען א 7 רומיגע הויז אין 12 אגוסטא עוו. אלע קאנוויניענס, עלעקטריק פיקטשורס. פרעגען יארקולינסקי 104 עליזאבעט סטריט. טעלעפאן מיין 6318.
1194-5-21)

## דישעס

צו פארענטען אויף חתונות, פארטיס, און באנקעטען. צופרידענהייט גאראנטירט. פרעגען 17 באלדווין סטריט.
5221-6-18)

**יעקב מ. בענעט**
(פון בענעט און קעמעראן)
באריסטער. סאליסיטאר
נאטאריעס א. ז. וו.
2901 דאנדעס סט. וועסט טאראנטא
טעלעפאן דזשאנקשאן 9077
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 983

## קארפּענטערי

מיר מאכען סטאר פראנטס שעלווינגס און מיר מאכען ווארענדאס און אלערליי הויז רעפּיירינגס, אויך בילדען מיר נייע הייזער און סטארס.
קיין דזשאב איז צו קליין. טעלעפאנירט טריניטי J 0753.
בעסטע באהאנדלונג.
5240-5-30

## סוּיפען און פערקויפען
## Bought and Sold

**ווילים אווערלענד**
**סיילס קאמפאני, לימיטעד.**
100 ריטשמאנד סטריט וועסט.
942 דענפארט עוועניו.
**אפּען־עיר ברענטשעס:—**
**299 קאלעדזש סטריט, וועסט**
**פון ספּעדינע**
**דענפארד עוועניו, ארום**
**לענגפארד**
פאר'ן „פיער און צוואנציגסטען".
א גוטע געיוזטע קאר פאר
יענעם „וויק־ענד" טריפּ.
קוקט זיי איצט איבער
ווען איהר האט גענוג צייט.
ווארט ניט ביז דער לעצטער מינוט.
איצט איז דא א גרעסערער אויסוואהל
איידער שפּעטער אין דער וואך.

| | |
|---|---|
| $175 | אווערלענד 90 טורינג |
| $250 | אווערלענד 90 סעדען |
| $300 | ראדזש טורינג |
| $350 | אווערלענד 4 טורינג |
| $400 | מאקסוועל טורינג |
| $650 | אווערלענד 4 סעדען |
| $700 | סטאר 1923 סעדען |
| $1000 | ווילים־נייט טורינג |
| $1,150 | מעקלאפלין קופּע 1923. |

און פיעל אנדערע צו פארשידענע פרייזען
**Willy's Overland Sales Co. Ltd.**

צו פארקויפען א נייע אווערלענד קאר, נאך ניט גענוצט. דער קייפער קען זיך אויסקלייבען וואס פאר א סטייל קאר ער וויל. די קאר ווערט פארקויפט ווערען מיט 200 דאלאר ביליגער. א ריכטיגער בארגיין צו דעם וואס וויל קויפען א 1924 קאר. פרעגען שריפטליך „זשורנאל" באקס 300.

ווארטפולע סטאר און פּראפּערטי צו פארקויפען צווישען ספּעדינע און באטהורסט, סאוט פון קאלעדזש, 25 פוס ביי 150. $5800 אויב באלד פארקויפט. שרייבט „זשורנאל" באקס 682.
5266-5-22)

צו פארקויפען א סטאר און זיבען רומיגע הויז. אלע קאנוויניענס, סייד דרייוו, הייסע וואסער באהייצונג, שעהנער גארטען, גרויסער לאט. פאר איינצעלהייטען שרייבט „זשורנאל" באקס 683.
5265-5-22)

זיבען רומיגע הויז און סטאר צו פארקויפען, אין א גערוכט באוואוינטען געגענד לעבען קאלעדזש. גוטער בריק סעלער, פרוכט־בוימער און גרויס וויין. קיין ריזאנייבעל אפער צוריקגעוויזען. באלד איבערצונעהמען. טעל. טריניטי J 9425.
5264-5-22)

$4500. מיידזשאר, 8 רומס, אלע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, לאנגער האל. פרעגען 287 ספּעדינע עוו. טעל. טריניטי 2440.
1193)

סאליד בריק הויז צו פארקויפען מיט $500 קעש דער גרעסטער בארגיין, פרעגען 456 דאנדעס וועסט.
5287)

צו פארקויפען א טיילער סייף שאו־קייס און קעש רעדזשיסטער פרעגען 162 יארק סטריט.
5273)

איבערצוגעבען א דזשענעראל סעקאנד־הענד סטאר מיט אדער אהן סטאק, איין רום מיט א סטייבעל, ביליג רענט. אורזאכע סיגנעלמאן און קען ניט אטענדען. פרעגען 184 באלדווין סט. פון 6 אווענט.
5253-5-21)

צו פארקויפען אדער פארענטען סטאר מיט זעקס רומס אין אגוסטא עוו. פאר איינעם א גוטע לעבען צו מאכען. פרעגען 25 ראס סטריט טעלעפאן טריניטי J 9577
5259-5-21)

צו פארקויפען אן 8 רומיגע הויז מיט סטים היט, אלע קאנוויניענס, בעסטער געגענד פון שטאדט, ביליג. פרעגען 20 ראסעל סטריט.
5270-5-21)

הויז פוירנישער צו פארקויפען ביליג פרעגען 18 קענזינגטאן פּליים.
5252-5-21)

**דארפט איהר**
**ווילט איהר**
**זוכט איהר**

א פלאמבער, א קארפּענטער, א פיינטער אדער און אנדער בעל מלאכה
א מארטגיידזש, א פּארטנער, אדער אן אנדער, ביזנעס אנגעלעגענהייט
פארקויפען אדער פארענטען אייער הויז אדער רומס

פארקויפען אדער קויפען אלטע פוירניטשור
מאכען קליידער, פאר אייערע קינדער, אדער קויפען פּאַרטיגע קליידער

צו קויפען אדער פארקויפען א ביזנעס
א גוטען לאיער, אן אינשורענס מאן, אדער פּראפעסיאנעלע דיענסט

**לעזט די קלאסיפיצירטע**
**אדווערטייזמענטס**
שטעלט אריין אן „אד" אין
**„אידישען זשורנאל"**
די איינציגע אידישע צייטונג אין אנטאריא

## פיקאנטע מעשה'לאך
### פון אבעלע זאגטער

### און די זשורי האט גע'פסק'נ'ט

זי איז געווען יונג, שעהן, דרייצענד, פול מיט לעבען און ערפאהרונגען... ער איז געווען אלט און רייך, אפגעלעבט, נאריש און פיל מיט יוגענדליכע פארלאנגען...

און די רייכקייט און עלטער האט זיך געטראפען מיט דער ארימקייט און יוגענד, און די נארישע פארלאנגען פון דער עלטערער מעגליכקייט האט זיך באגעגענט מיט די ערפאהרונגען פון א מאדערנער מוידעלשער יוגענד...

זיצען ביידע אין א פארק. און די אלטע נארישע הארץ זייע קלאפט פון מידקייט און איפערזוכט, און איהר יונגע הארץ לאכט און עקעלט, און איהר קאפ פלאנט...

— זאג מיר טייערער אז דו ליעבסט מיך ווען אפילו דו מיינסט עס ניט. — רעדט זי צו איהם מיט א געמאכטער פייערליכקייט.

— עס איז נאך אויף דער וועלט קיין מאן ניט געווען וואס האט א פרוי אזוי געליעבט ווי איך דיך. — ערקלעהרט דער זקן און זיין ליפ ציטערט פון דעם זומער ווינטעל און פון אויפרעגונג.

— אלע מענער זענען ליגנער, ליעבעס ווערטער זענען ביי אייך ביליג ווי די אש פון אייערע סיגארעטען, פיעלע האבען דאס מיר שוין געזאגט אז זיי האבען מיך ליעב, ווי אזוי זאל איך דיר גלויבען. — רעדט ווייטער די ערפאהרענע יוגענד.

— מיט וואס קאן איך דיר באווייזען אז איך האב דיך ליעב ווי מיין לעבען?

— שווארץ אויף ווייס. — ענטפערט מיט געמאכטען ערנסט די מיידעל.

א ליעבעס געדיכט דיר אפשר ווידמען? בין איך אבער קיין פאעט ניט, לאכט פיבעריש דער זקן.

— וואו די אמת'ע ליעבע וואוינט מוז אויך וואוינען די פאעזי. — לאכט די מיידעל. אויף מארגען האט זי געקראגען א בריעף מיט א פייערדיגע ליעבעס פאעמע געשריבען מיט דעם זקנ'ס האנט. און די מיידעל האט געלעזען, געטראכט, געלאכט און האט פון שמחה געטאנצט...

מיט צוויי וואכען שפעטער איז די ליעבעס פאעמע געלעזען געווארען פאר א זשורי פון צוועלף עלטערע מענער, און מיט צוויי שעה נאכדעם ווי די ליעבעס פאעמע פון דעם זקן איז געלעזען געווארען האט די זשורי ארויסגעטראגען א ווערדיקט פון הונדערט טויזענט דאלאר דעמעדזשעס פאר דער מיידעל'ס צובראכענער הארץ...

געהט די יונגע, שעהנע מיידעל ארויס פון קאורט גערומט פון איהר געליעבטען יונגען לאיער, זיי קוקען ביידע אויף דעם הונדערט טויזענט דאלאר טשעק און לאכען הארציג...

### א פאטריאטישער זעלבסט־מערדער

בעת אונזער העלד איז געבוירען געווארען האט מען אין די הימלען אויסגערופען אז ער זאל זיין א פולער הונדערט פראצענטיגער פאטריאט... ליעבען די פאהן, די פלאטע, די מיליטער און האסען אלעס וואס איז פארשידענליך, מענשליך און פרעמד.

און דער פולער הונדערט פראצענטיגער פאטריאט איז אויפגעוואקסען, געבליהט, געזונגען פאטריאטישע לידער, געשריגען הורא פאר דער פאהן, פלאטע, ארמיי און פאליטישענס און האט טיעף געהאסט אלעס וואס איז געווען נאבעל, עהרליך און אויסלענדיש.

און איינמאל איז אונזער יונגער פאטריאט צו א פאטריאטישער פארזאמלונג פון פולע הונדערט פראצענטיגע איי־פאטריאטען אוועק, און ער האט מיט וועהטאג אין הארצען געהערט אז די פרעמדע פארשלינגען דאס אמעריקאנישע, אז באלד וועט אמעריקא אויפגעפרעסען ווערען פון די אויסלענדער. און ער איז ארויס פון דער פארזאמלונג, געוואנדערט מיט פאטריאטישען פארדרוס איבער די גאסען פון דער גרויסער געבורטסשטאדט זיינער און וואו זיין אויג איז געפאלען האט ער אלץ אויסלאנד געזעהן.

טערקישע סיגארעטען, איטאליענישע שטיוועל פוצער, גריכישע און כינעזישע רעסטאראנען, אונגארישער גולאש, האמבורגער סטייק, טשאפ סוי, ספאגעטי, מאקאי'ער ווייז, קענעדער שנאפס, ווארשטלאך מיט זויערקרויט...

און דער פאטריאט האט ווייטער געוואנדערט איבער די גאסען פון זיין שטאדט און זיין אויג האט אלץ געזעהען בלויז אויסלאנד, בלויז דאס פרעמדע, דאס אויסלענדישע.

דיאמאנטען געשליפען אין האלאנד, כינעזישע וואשערייען, יאפאנעזישע געשירר, אידישע קלאטהינג סטארס, די קליידער אליין געמאכט פון אידען. איטאליענישע ארגאן שפילער מיט איטאליענישע מאנקיס, איטאליענישע גאסען קעהרער, שווארצע פאליסלייט, מאסקווער קונסט טעאטער, דייטשע און איטאליענישע אפעראס, די זינגער איטאליענער, דייטשען, אידען. ער איז אליין צו א קאנצערט — די מעהרסטע שפילער אידען און איטאליענער, די מוזיק רוסישע, דייטשע, איטאליענישע, אידישע.

— און די פאטריאטישע הארץ פון דעם יונגען הונדערט פראצענטיגען פאטריאט האט געבלוטעט, געגריזשעט, געפרעסען. — אלעס אויסלאנד, אלץ פרעמדס, אמעריקא פארשלונגען. און דער פאטריאט האט דאס ניט געקאנט אריבערטראגען. — ער איז אוועק און איז זעלבסטמארד באגאנגען...

### מזל

דריי יאהר נאך זיין חתונה איז ער שטיין רייך געווארען. פיער יאהר נאך דער חתונה האט ער גענומען האסען זיין פרוי...

און ער האט זי געהאסט, געקרענקט, געטריבען פון זיך, געזוכט פון איהר פטור צו ווערען, אבער דער שיקזאל איז געווען גרויזאם צו איהם...

ער האט איהר אנגעבאטען פיעל געלט, זי זאל זיך גט'ען און זי האט זיין פארשלאג מיט פאראכטונג צוריקגעוויזען. ער האט פארשיעדענע טריקס אנגעווענדעט, געמיינע סקימס אויסגעטראכט פון איהר פטור צו ווערען, אבער זי איז געווען קליגער פון איהם און זיינע סקימס האבען די געווינשטע רעזולטאטען ניט געבראכט. ער האט בלבולים אויסגעטראכט אויף איהר, אבער ס'האט ניט געהאלפען. ענדליך האט ער דעם קאפ פאר זיין טראגישען שיקזאל געבויגען און ער איז געקומען צום שלום, אז ער וועט שוין זיין גאנצען לעבען מוזען אפפינסטערען מיט איהר.

אבער סוף כל סוף האט זיך די געטין פון גליק אין איהם דערמאהנט...

א רייכער בייער פון דער וועסט איז געקומען וואהרע ביי איהם קויפען און ערשט ווען ער האט דעם פאבריקאנט'ס ווייבעל דערזעהן, האט ער די וואהרע געקויפט. און דאן האט דער בייער אפט גענומען קומען און בלייבען עטליכע טעג אין שטאדט. און די פרוי האט גענומען פלוצלינג זיך שעהן קליידען, אויסגעהן. איהר מאן האט ניט געוואוסט און האט ניט געוואלט וויסען וואהין זי געהט. ער איז געווען גליקליך, וואס ענדליך האט זי איהם אויפגעהערט צו דערגעהן די יאהרען, איהם בארעדען, צווינגען איהם געהן מיט איהר. דאס איז געווען ביז מען האט צו זיינע אויערען די נייעס דערטראגען, אז זיין ווייב זעהט מען אפט מיט דעם בייער.

זיצט דער בייער, דער מאנופעקטשורער און זיין ווייב אין קאורט און הערען זיך צו צו דער שלום־רעדע, וואס דעם מאנופעקטשורערס לאיער האלט צו דער דזשורי:

...ווענען דער אומטרייער פרוי, וועלכע האט צעהן יאהר עהרליכע ליעבע פון איהר מאן גענאסען, וועל איך קיין ווארט ניט זאגען. פרויען זענען, ווי קינדער, לייכטזיניג און שוואכזיניג, מען קאן זיי ניט אינגאנצען באשולדיגען. אבער די שלאנגען פון דעם סארט, ווי דער אנגעקלאגטער, וואלט מען באדארפט מיט זייער אייגענעם גיפט פאר'סמ'ען. לײדער, האט דאס געזעץ ניט קיינע פארשריפטען פאר דעם. מיין קליענט'ס הארץ און לעבען איז אויף שטענדיג צובראכען. דאס וועט שוין קיינער ניט קאנען גאנץ מאכען. איך רעכען, אז איהר געשווארענע, וועט זיין מיט מיר איינפארשטאנען, אז די הונדערט טויזענט דאלאר, וואס מיין קליענט פאדערט, וועט ניט זיין קיין גענוגענדע באלוינונג פאר איהם און ניט קיין גענוגענדע שטראף פאר דעם אנגעקלאגטען. אבער קיין אנדער סארט באלוינונג און שטראף קאן דא ניט זיין. איך האב אלע אורזאכען צו דענקען, אז איהר וועט ארויסברענגען דעם ריכטיגען ווערדיקט", ענדיגט דער לאיער זיין רעדע.

געהט דער לאיער און זיין קליענט פון קאורט, קוקען ביידע אויף דעם הונדערט טויזענט דאלאר טשעק, אויף דעם גט און לאכען הארציג...

## דאקטאר געפינט מיטעל געגען ניומאניא

אין ניו יארק און אין באסטאן איז באקאנט געמאכט געווארען, אז דר. לאיד פעלטאן, פון דעם דעפארטמענט צו פארהיטען קראנקהייטען האט געפונען א מיטעל געגען ניומאניע, וועלכער וועט פארקלענערן די שטערבליכקייט פון דער קראנקהייט פון 25 ביז 50 פראצענט.

דער סערום איז אויסגעפרובירט געווארען אין באסטאנער שטאדט האספיטאל און אין האספיטאלס פון ניו יארק און ברוקלין. די דאקטוירים פון די האספיטאלס האבען באריכטעט, אז די רעזולטאטען פון דעם סערום זענען גלענצענדע.

די ארבייט פון דר. פעלטאן, צו ערפינדען דעם מיטעל געגען ניומאניע, איז ערמעגליכט געווארען דורך דער מעטראפאליטאן לאיף אינשורענס קאמפאניע, וועלכע האט אין יאהר 1919 געגרינדעט א ספעציעלען אינפלוענציע דעפארטמענט און אנגעשטעלט א גאנצען סטעף פון גרויסע דאקטוירים, צו זוכען מיטלען געגען אינפלוענציע און איבערהויפט געגען ניומאניע, וועלכע איז די וויטסטע און פאטאלסטע ענטוויקלונג אין אינפלוענציע. עס זענען געמאכט געווארען טויזענדער עקספערימענטען צו געפינען א ריכטיגען סערום, אבער דער געלונגענסטער פון אלע איז דער, וועלכען דר. פעלטאן האט ערפונדען. פריהער האט מען ערפונדען א סערום געמאכט פון ניומאקאקאים פון פערד, אבער עס איז געווען נויטיג צו געברויכען צו גרויסע דאזעס פאר דער איינשפריצונג, און דערפון האט זיך ביים קראנקען ענטוויקעלט א ספעציעלע סערום קראנקהייט, וועלכע איז געווען אזוי שעדליך ווי ניומאניע. פריוואטע דאקטוירים האבען אינגאנצען ניט געקאנט געבען דעם סערום, בלויז אין האספיטאלס האט מען איהם געברויכט און אויך מיט קליינע רעזולטאטען.

דער לעצטער סערום, וועלכען דר. פעלטאן האט ערפונדען, איז קאנצענטרירט געווארען און שטארק גערייניגט. ער ווערט געברויכט אין א קליינער דאזע, איינשפריצענדיג איהם אין די אדערען, און ער ברענגט שיינענדע רעזולטאטען.

דר. פעלטאן האט צוערשט אויסגעפרובירט דעם סערום אויף מייז. ער האט אריינגעשפריצט אין מייז די באציליען פון ניומאניע, און אין 6 שטונדען ארום האט ער איינגעשפריצט אין א טייל פון די זעלבע מייז דעם סערום. דער רעזולטאט איז געווען, אז די מייז וועלכע מען האט איינגעשפריצט דעם סערום זענען געזונט געווארען, און די אנדערע זענען אויסגעשטארבען, דאן האט ער גענומען אויספרובירען אויף מענשען.

דאקטוירים וועלכע זענען באקאנט מיט די רעזולטאטען פון דעם סערום, האבען אויסגעדריקט זייער האפנונג, אז מיט דער צייט וועט דער סערום אזוי פארפאלקאמט ווערען, אז ער וועט ארבייטען ווי דער אנטיטאקסין געגען דיפטעריע.

אין גיכען וועט מעגליך ווערען צו קריגען דעם סערום געגען ניומאניע אמעטום, און דאקטוירים וועלען זיך קאנען מיט איהם באנוצען.

---

### פאר וואס ער איז געווארען אוים שרייבער

...ער איז געווען א שרייבער, ער האט געשריבען ראמאנען און ערצעהלונגען פאר די צייטונגען און זשורנאלען. פון אמת'ן לעבען געשריבען, שטודירט דאס לעבען פון די העלדען, וועלכע ער האט געשילדערט.

האט ער געוואלט שילדערען א קוילען מיינער איז ער אוועק ארבייטען עטליכע וואכען אין א קוילען מיין; האט ער געוואלט שילדערען א גאסען־קעהרער איז ער אוועק קעהרען די גאסען, ער האט געארבייט אויף די קארס, אין שעפער ביים בויען הייזער, ער איז געווארען א מאטראז, א סאלדאט, און אינשורענס אייזשענט, א סיילסמאן, דאס אלעס האט ער געטאן כדי ריכטיג צו שילדערען די העלדען פון זיינע ערצעהלונגען. ער האט געמאכט פיעלע ערפאהרונגען, פיעל געשריבען. ניט אלע זיינע ערצעהלונגען פארקויפט, און פון די וואס ער האט פארקויפט האט ער קוים א לעבען געמאכט.

איינמאל האט ער באשלאסען צו שילדערען דאס לעבען פון בוטלעגערס. ער איז אוועק לעבען צווישען די בוטלעגערס, און פון דאן אן האט ער מעהר קיין ערצעהלונגען ניט געשריבען. ער האט זיך געקויפט א רייכע הייז און לעבט אין גרעסטען לוקסוס.

## ארבייט און אינדוסטריע אין ארץ ישראל

די אבטיילונג פאר געזעלשאפטליכע און בוי־ארבייטען פון דער אלגעמיינער אידישער ארבייטער ארגאניזאציאן אין ארץ ישראל, איז איצט באשעפטיגט צו זוכען מעגליכקייטען אים צו מאכען ביליגער די בוי־ארבייט און די אגריקולטורעלע ווירטשאפטען, און מיט דער הילף פון ארכיטעקטען ספעציאליסטען פארבערייטעט זי פארשיעדענע פלענער און פארשלאגען און וואס עס אנבעלאנגט דער פראגע אויף דער איניציאטיווע פון דער אבטיילונג וועלען אין גיכען געגרינדעט ווערען א זיצונג צוזאמען מיט דער קאלאניזאציאנס אבטיילונג פון דער היגער ציוניסטישער לייטונג, אום צו דיסקוטירען און קלאהר מאכען די וועגען און מעטאדען פון בויען די אגריקולטירעל ווירטשאפטען אין די קומענדען יאהר.

* * *

די טישלעריי "דרור" אין תל אביב, איז אין די לעצטע מאנאטען באשעפטיגט מיט דעם פארזוך צו מאכען אינקובאטערס צו בריהען עופות. דיעזער פארזוך, וועלכער האט די בעסטע אויסזיכטען פאר א גלענצענדען ערפאלג, איז פון א גרויסער עקאנאמישער באדייטונג פאר ארץ ישראל, וואוהין ביז איצט האט מען די אינקובאטערס געבראכט פון אויסלאנד און א גרויסע צאהל.

די טישלעריי "דרור" האט נאך פריהער אנגעפאנגען זיך באשעפטיגען מיט פאבריצירען אויך אנדערע מכשירים פון אגריקולטור און לאנדווירטשאפט אין ארץ ישראל. אזוי האט זי אין פארלויף פון לעצטען יאהר פאבריצירט און פארקויפט, פאר די אידישע קאלאניעס און אגריקולטורעלע ווירטשאפטען אין ארץ ישראל, בינשטאקען אין דער סומע פון בערך 800 עגיפטישע פונט.

* * *

די אינדוסטריעלע אבטיילונג פון דער קערפערשאפט "סולל בונה" (פון דער אלגעמיינער אידישער ארבייטער ארגאניזאציאן אין ארץ ישראל) נעהמט זיך איצט צו דער אינדוסטריע פון מצבות, וועלכע זי וועט אויסארבייטען פון די ירושלים'ער און באזאלט שטיינער, די גאנצע ארבייט, ווי דאס ברעכען, טשעסען, שלייפען און אויסקריצען וועט געמאכט ווערען בלויז מיט אידישע הענט.

* * *

די אבטיילונג פאר געזעלשאפטליכע און בוי־ארבייטען וועט קומענדען מאנאט ענדיגען די ארבייט אויף די שאסייען און צריפין און די בוי־ארבייט אין מתולה, וועלכע זי האט באקומען פון דער היגער רעגיערונג. אויסער דער ארבייט איז די דערמאהנטע אבטיילונג איצט באשעפטיגט אין בויען פינף שטאלען און צריפין. אויך די באשטעלונג האט זי באקומען פון דער זעלבער רעגיערונג אין מאנאט מערץ פון היעזען יאהר.

די זעלבע אבטיילונג צוזאמען מיט דער קולטור קאמיסיע פון דער אלגעמיינער אידישער ארבייטער ארגאניזאציאן אין ארץ ישראל האבען אין מאנאט מערץ דאס יאהר געעפענט טעכנישע קורסען פאר די בוי ארבייטער אין ירושלים. די קורסען ווערען שוין באזוכט פון 40 ארבייטער און זייערע לעהרער זענען באקאנטע אידישע אינזשענערען און ארכיטעקטען אין ירושלים.

### ווערען געזוכט

מרס ס. גליקליך, געוואוינט אין 426 אדער 126 מארקהעם סטריט.

סעם ראזענמאן געוואוינט אין 1285 סענט קלעיר.

מר. הערים ווייסמאן פרוי עם הייסט דבורה, אהרע ברידער הייסען יעקב, ניסן און שוועסטער שרה רבקה, דינה.

רזשע. ברייגמאן, וועלכער האט געוואוינט אין 19 מענינג עוועניו.

א. בערענשטיין געוואוינט אין 19 סאקין עוו.

פאר די אלע פערזאנען איז פאראן בריעף אין אפיס פון "אידישען זשורנאל" צו באקומען א גאנצען טאג.

מר. אייזיקסאן

מר. אייזיקסאן האט ערפאלגרייך גראדואירט פון דעם אנטאריא קאלעדזש אוו פארמאסי, ווי אויך אלס געווינער פון דעם קאלעדזש סילוער מעדאל און דעם מאטיריא מעדיקאל מעדאל.

מר. אייזיקסאן האט איצט איבערגענומען די דראג סטאר פון זיין בעל הבית, קארנער קאלעדזש און גרייס סט.

בלויז א קליינע צאהל
דאלארדינגע סייפס
זענען נאך פארבליבען אין אפיס
קומט אריין אין אפיס און קויפט אן אייזערנע סייף
פאר בלויז $1
איילט זיך צו און שאפט זיך איין אן אייזערנע סייף מיט א שליסעל
מאכט אייך פאר אן אייגענעם בעל הבית איבער אייער אנגעזאמעלט געלט
די סייפס זענען ווערט צו 5 דאלאר
קויפט א סייף מיט א שליסעל היינט און הויבט אן סייפען פאר זיך
קומט אין אפיס פון „זשורנאל"
253 קווין סטריט וועסט
פון 9 פריה ביז 5 פארנאכט
טעלעפאן עדלייד 3967

טעלעפאן עדלייד 5615
דר. ס. קיימס
דענטיסט
218½ קווין וועסט
(קארנער מיקאל סטריט)
טאראנטא.

Cunard Line פריפייד ביזנעס Anchor-Donaldson Line
קויפענדיג אייערע טיקעטס אריבערצוברענגען אהער פריינט אדער קרובים, זעהט אז זיי זאלען פאהרען אויף איינער פון דיעזע ליינס.
די קאמפאניע האט אפיסעס אין אלע אייראפייאישע צענטרען, אריינרעכענענדיג רוסלאנד און אוקראינע. נייע גרויסע סטימערס די גוטע שפייז, אויסגעצייכענטע באקוועמליכקייט. געלט קיין רוסלאנד קען יעצט אויסגעצאהלט ווערען אין דאלארס — דאס איז דער בעסטער וועג צו שיקען געלט צו אייערע קרובים. פאר אינפארמאציעס פרעגט ביי אונזערע לאקאלע אגענטען אדער ביי
The ROBERT REFORD CO., Limited
217 Bay St. Toronto

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper In The Province of Ontario,
PUBLISHED BY
CANADIAN JEWISH PUBLISHING Co. Ltd.
251—253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
Subscription Rates $6 PER YEAR, $3.50 SIX MONTHS
Single Copy — 3 cents
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto Ont. January 22nd 1913

# עס וועט ניט ווירקען

ווען מען שטעלט אוועק א פאליצייסקען אויף א קארנער און מען הייסט איהם קאנטראלירען דעם פארקעהר פון וואגענס און אויטאמאבילען, איז דאס פראקטיש. אויטאמאבילען דארפען קאנטראלירט ווערען. אנדעריש קאן מען נאך איבערפאהרען מענשען אין די גאסען. אויב מען וויל אבער אט דעם מעטאד אנווענדען אויך אויף פארביגעהער; אויב מען וויל צווינגען א דורכגעהער, צו אונטערווארפען זיך אונטער'ן קאנטראל פון דעם „טרעפיק"־פאליסמאן, — אזוי ווערט עס קשה: וועט עס טאקע ווירקען צו אפשטעלען די מגפה פון אומגליקס־פאלען?

האט אבער די שטאדטישע פארוואלטונג אנגענומען א באשלוס צו איינפיהרען א מנהג פון קאנטראלירען דעם דורכגעהער. מען וויל, אז דער דורכגעהער זאל אפהיטען די רעגלען פון דעם פארקעהר פונקט ווי דאס טוט דער מאטאריסט. די שטאדטישע פארוואלטונג ציעלט דערמיט צו פארקלענערען, אדער אינגאנצען צו פאראליזירען דעם אומגליקס־שד, וואס טראגט זיך מיט אזא עפידעמישען האס איבער אונזערע גאסען.

דערווייל איז דאס בלויז א באשלוס. אבער פון א באשלוס וועט עס מסתמא אין א געזעץ פארוואנדעלט ווערען. דער פאליציי־שעף קאן אליין דעם געזעץ דורכפיהרען. דאס איז ניט קיין שווערע אויפגאבע. ער קאן היינט אדער מארגען ארויסלאזען א „דעקרעט" צו זיינע מענשען, אז זיי זאלען צווינגען פוס־געהער צו נאכקומען די פארקעהר־רעגולאציעס פונקט אזוי גוט ווי אויטאמאביל־פאהרער. יעדער איינער, וואס וועט זיך פארזינדיגען און וועט עבר זיין אויף די פארקעהרונגס־רעגולאציעס, וועט געהאלטען ווערען פאראנטווארטליך און וועט בלאמירט ווערען פארשטעלען זיין לעבען אין סכנה.

עס קאן זיין, אז אויפ'ן פאפיר וועט דער געזעץ ווירקען. אין דער ווירקליכקייט וועט עס אבער ווייט ניט ווירקען און וועט ניט דערגרייכען דעם ציעל, פאר וועלכען עס איז באשאפען געווארען. דאס וועט גיכער מיינען, אז מען באשרענקט די אינדיווידועלע פרייהייטען פון דער באפעלקערונג. אויב מען קאן האלטען עלטערען פאראנטווארטליך פאר דעם, וואס זיי לאזען זייערע קליינע קינדער ארומלויפען אונטער לויפענדיגע אויטאמאבילען, קאן מען אבער ניט צווינגען דערוואקסענע מענשען צו איינציימען זיך אין די איינגע רעגולאציעס פון דעם גאסען־פארקעהר. די באפעלקערונג וועט זיך זיכער פיהלען געקרענקט למאי מען הענגט אן שווערע שטיינער אויף די פיס פון דורכשניטליכע מענשען, וועלכע געהען ארום איבער די גאסען און דערפילען זייערע טאג־טעגליכע פליכטען.

עס זענען פאראן געזעצען, וואס לעגען זיך ווי א שווערע משא אויף די פלייצעס פון די מענשען. די פארקעהרס־רעגולאציעס וועלען זיין ווי שטרייכעל־שטיינער אויפ'ן וועג פון דעם שטאדטישען איינוואוינער. די פאליציי וועט עס אפשר אליין שפעטער אפשאפען, ווייל עס וועט זיך ארויסווייזען, אז דער ציעל ווערט ניט דערגרייכט און אז דער געזעץ איז בלויז אן איבעריגע זאך, וואס איז לכתחלה געווען ניט פראקטיש. מען קאן ניט צווינגען קיין מענשען צו איינצוימען זיך אין שמאלע ראמקעס און טאנצען לויט דעם פייפעל פון א געגעבענעם סיגנאל, בעת יעדער איינער איז שטענדיג פארנומען און איילט זיך צו לויפען צו זיין טאג־טעגליכער באשעפטיגונג. ווען די שטאדט־טאטעס וואלטען זיך כאטש וויפיעל־ניט־איז גערעכענט מיט די נויטען פון דער באפעלקערונג, וואלטען זיי אזא געזעץ קיינמאל ניט דערלאזען צו איינפיהרען.

דער מיט וואס מען וועט איינפיהרען א פארקעהרס־רעגולאציע פאר גאס־דורכגעהער וועט מען דעם געשפענסט פון אומגליקען ניט אויסווארצלען. עס דארפען דערצו גאר אנדערע מיטלען באנוצט ווערען. דער שאפיר און דער בעל־עגלה זענען אזעלכע רעגולאציעס מחויב צו דורכפיהרען; דער פוס־געהער — נישט!

)־:0:־(

# דאס איז ניט קיין תירוץ

דזש. ס. וואודסוואירט, דער פארלאמענטארישער פארטרעטער פון וויניפעג, האט ווידער אנגעריהרט א פראגע, וועלכע ליפערט שטאף פאר באטראכטונגען איבער דער קאנאדער ווירקליכקייט, אבער דאס וואס ווערט אפגעטאן הינטער די פלייצעס פון די מאסען און ווערט אפילו אין דער טאג־פרעסע ניט פארעפענטליכט.

וואודסוואירט האט באריהרט די פראגע וועגען באנוצען מיליטער צו אונטערדריקען סטרייקס. ער האט זיך באצויגען אויף דעם שטאל־סטרייק אין נאווא סקאשיא, און האט אנגעוויזען אויף דעם ווי אויף אן איבעל, וואס טאר ניט טאלערירט ווערען. ער האלט, אז קוים גיט מען ניט די ארבייטער קיין מעגליכקייט צו ארבייטען אונטער רעגעלמעסיגע און צופרידענשטעלענדיגע אומשטענדען, דארף מען זי לכל־הפחות ניט שטערען אין זייער קאמף.

דער קאנאדער ארבייטס־מיניסטער, דזשיימס מורדאק, האט באדארפט ארויסטרעטען און געבען א קלאהרען ענטפער אויף וואודסווארט'ס פראגען. דער ארבייטס־מיניסטער האט צו טאן מיט סטרייקס און מיט די מיטלען צו אונטערדריקען סטרייקס, און ער איז געווען דער פארטרעטער צו ענטפערען אויף די קריוודעס. געענטפערט האט ער אבער אויף א וועג, וואס לאזט איבער אן ארט — און א ברייטען ארט — פאר צווייפלונג אין דער ריכטיגקייט פון זיין שטאנדפונקט, וואס דאס דארף באטראכט ווערען פאר'ן שטאנדפונקט פון דעם מיניסטארען־קאבינעט. דער מיניסטער האט געענטפערט, אז די פעדעראלע רעגירונג קאן ניט צווינגען די שטאל־מאגנאטען צו רעגולירען די ארבייטס־שטונדען פון די ארבייטער. די שטאל־מאגנאטען קאנען, הייסט עס, ניט דיקטירט ווערען.

מילא, א תירוץ איז א תירוץ. איז עס אבער באוואוסט, אז אזוי גיך ווי די ארבייטער געהען ארויס אין סטרייק, שטעלט מען זיך אויף דער זייט פון די שטאל־מאגנאטען און מען שיקט מיליטער צו אונטערדריקען די רעבעלירענדיגע ארבייטער. מיליטער שיקט מען ניט סתם אזוי, נאר מען מוז עס טאן מיט דער סאנקציע פון דער פעדעראלער מאכט, און הויפטזעכליך מיט דער הסכמה פון דעם ארבייטס־מיניסטער. אין דעם לעצטען סטרייק פון די שטאל־ארבייטער האט מען שוין אין פארלאמענט פיעל געשמועסט וועגען דעם. זאל אבער ווידער א סטרייק אויסברעכען, וועט מען מסתמא ווידער אנווענדען די אייגענע מיטלען און מען וועט עס אפ'פטר'ן מיט א תירוץ און מיט א פאריווען „סטייטמענט" אין פעדעראלען פארלאמענט.

פארשטעהן קען מען אבער פון דעם אפיציעלען מיניסטערקען סטייטמענט ארויסלייענען פיעל זאכען. אבער מעהר פון אלץ קאן מען דערפון זעהן וואו מען האלט אין די רעגירונגס־קרייזען וועגען דער אנגעוועהטאגטער פראגע פון באנוצען מיליטער פאר דער אונטערדריקונג פון סטרייקס און אנדערע אינדוסטריעלע דיספוטען. דאס מיליטער איז, הפנים, אזוי ווי א מין טראדיציע, וואס מען וויל ניט אפשאפען. דער מיניסטער האט ער אפשר ניט קלאהר ארויסגעזאגט. אבער אזוי האט מען געקאנט טייטשען זיין סטייטמענט אין דעם פעדעראלען פארלאמענט.

אין עס האט זיך גוט געפאסט צום רומעל, וואס דער ארבייטער־פארטרעטער פון וויניפעג האט דורכגעלופטערט די פראגע פון אונטערדריקען סטרייקס דורך מיליטער. די פראגע איז אלע מאל נייע, ווייל קיינער קאן ניט וויסען ווען אן עהנליכער סטרייק וועט אויסברעכען און ווי אזוי די רעגירונג וועט זיך באציהען צו די סטרייקער.

# דער רומענישער סטינעס קריגט פעטש

(ספעציעל דורך דער "אידישער טעלעגרא פען אגענטור) פון י. סקווירסקי.

)־:0:־(

דאס גאנצע רומענישע אידענטום רעשט איצט מיט'ן סקאנדאל, וואס האט זיך ניט לאנג אפגעשפיעלט אין בוקארעסט מיט'ן באוואוסטען אידישען באנקיר אריסטיד בלאנק.

דאס איז געשעהן נאכדעם ווי דער געריכט, ניט קוקענדיג אויף אלע פארהעטערישע באווייזען, האט באפרייט די יונגע פאשיסטען — זעליא קאדריאנו מיט די אנדערע, און דערמיט ערמוטיגט די רומענישע שווארצע מאה'ניקעס צו אקטיווע ארויסטרעטונגען. ווי תמיד האט דער ערשטער בליץ געטראפען אין שפיץ, און אלס קרבן איז געפאלען דער, וועלכער האט פאר די רומעניער פערזאניפיצירט מיט זיך דעם אידישען קאפיטאל, די אידישע "געהיימע רעגירונג".

אין דער קליינער רומעניען שפיעלט ארעסטיד בלאנק די ראלע פון דעם רומענישען סטינעס. ער קעניגט אלמעכטיג איבער דער בוקארעסטער בערזע, אלס אנפיהרער פון דער גרעסטער באנק "מארמאראש און בלאנק", ערשיינט ער אלס אן אויטאריטעטער עקספערט אין מלוכה־פינאנצען און איז אזוי ארום א בן בית אין די הויכע ספערען און אין קעניגליכען פאלאץ.

אלס איד, האט זיך אריסטיד בלאנק די גאנצע צייט מיט גארניט ארויסגעוויזען פארהייראט מיט א קריסטין, געפינענדיג זיך שטענדיג צווישען רומעניער, וואו די אידישע אפשטאמונג ווערט קאטירט זעהר נידעריג, האט בלאנק אויפגעפאסט דאס אידישקייט דורך זייער פריזמע און זיך דארום באמיהט דעם דאזיגען פלעק מיט אלע וואסערען צוררייניגען און צו ריין וואשען. ווי אלע אין זיין גראד האט ער זיך קודם כל ארויסגעוויזען אלס מעצענאט און ליבעראל און האלט אויס אויף זיינע מיטלען דעם גרויסען פארלאג "קולטורא נייישאנאלא" און שטיצט ברייט די ליבעראלע און צאראניסטישע (פויערישע) פרעסע. גלייכצייטיג לייסטעט ער הילף אין די מיליאנען, דער רומענישער אקאדעמישער יוגענט אין רומעניען און אויסלאנד און גרינדעט אויף זיין חשבון סטודענטען היימען פאר רומענישע אקאדעמיקער אין פאריז און אין בערלין.

די אלע מעשים האבען געמאכט בלאנק'ען פאר איינעם פון די פאפולערסטע פערזענליכקייטען אין לאנד. נאר צוזאמען מיט דעם האט זיך אין די ברייטע שיכטען געשפינט די לעגענדע וועגען זיין אידישער אפשטאמונג. אלע האבען דעם אפענעם סוד געוואוסט, פאר קלוג פארשוויגען; דאס מורמלען פון דעם גאלדענעם צדקה טייכעל, וואס איז געפלאסען פון די באנק־רוימען "מארמאראש עט בלאנק" האט פארטויבט דאס ווארט "זשידאן", וועלכעס פלעגט זיך אפטערס ארויסרייסען פון די מיילער פון די וועלכע האבען זיך געבאדען אין די חסדים פון דעם אידישען באנקיר...

די דאזיגע שווייגענדע פארשווערונג האט נאך לעצטען פאשיסטען פראצעס געפלאצט אויף א זעהר סקאנדאליעזען אופן. ווען אריסטיד בלאנק האט געזאלט אין אן עפענטליכען פארטראג אין עקאנאמישען אינסטיטוט, באקעגען די אינטעליגענץ מיט די פינאנץ פראבלעמען פון רומעניען, האט מען איהם אויסגעפאטשט און געצוואונגען דורך פעטש צו פארלאזען די קאטעדרע. נאכדעם ווי די סטודענטישע גרופע פאשיסטען האט געליינט א סוף צו דער פארזאמלונג, זענען די יונגען באפאלען דעם באנק לאקאל פון "מארמאראש־בלאנק" און אויסגעשלאגען די פענסטער, באגלייטענדיג די 'ארבייט' דורך אידען־פיינדליכע אויסשרייען. די פאליציי האט זיך, בשעת די עקסצעסען געהאלטען גאנץ פאסיוו און ניט געשטערט די פאשיסטען אין זייער הויך־פאטריאטישער ארבייט.

דערמיט האט זיך אבער די געשיכטע ניט פארענדיגט. אנשטאט דעם, אז די פעטש זאלען אין דעם באנקירס הארץ אויפפלאקערן דעם טליענדען נאציאנאלען שטאלץ האט ער זיך צוגעאיילט מאכען א שמייכלענדיג פנים און אזוי ארום פארשוויגען דעם סקאנדאל.

אויפ'ן אנדערען טאג נאך די אויבענדערמאהנטע געשעהענישען איז אין דער פרעסע ערשיענען אונטער בלאנקס אונטערשריפט פאלגענדער אפענער בריעוו:

ה"ח סטודענטען!

אייך איז מסתמא באוואוסט, אז איהר האט מיך נעכטען געשטערט, און א ניט גאנץ העפליכער פארם צו פארענדיגען מיין לעקציע וועגען דער עקאנאמישער פראבלעם אין רומעניען. דעם דאזיגען פארטראג האב איך געוואלט פארלעזען לויט דער איינלאדונג פונ'ם רומענישען עקאנאמישען אינסטיטוט מיט דער בונה צו באקענען דעם ברייטען עולם מיט די שווערינקייטען, וואס שטעהען אויפ'ן וועג פון דער עקאנאמישער און פאליטישער אויפבליהונג פון אונזער פאטערלאנד.

"איך וואלט אבער ניט געוואלט, אז איהר זאלט אפילו אויף איין רגע משלים זיין מיט'ן געראנק, אז אזעלכע אינצידענטען, קאנען ווירקען צוענדערען מיין מיינונג וועגען אייך.

"מארגען, צוטרעטענדיג צו אייערע שטודיען, וועט איהר האבען די מעגליכקייט זיך איבערצייגען אין דעם, אז קולטור איז א גרויסע זאך, אהן וועלכער עס גיבען זיך ניט איין קיין שום אונטערנעהמונגען. די ניט קולטורעלע אויפפיהרונג פון אייניגע פון אייך קאן ניט פארשווארצען אין מיינע אויגען די גאנצע סטודענטנשאפט, וועלכע לייגט, דורך שווערע מיה, א וועג צו א ליכטיגער צוקונפט פאר זיך און פאר דעם גאנצען לאנד. איך בין אויך געווען אמאל א סטודענט און מיר איז באקאנט די פסיכאלאגיע פון דער יוגענט. דארום שטעה איך פעסט ביי מיינע איבערצייגונגען און באזיץ דעם פולען צוטרוי צו דער רומענישער סטודענטנשאפט.

די טעטיגקייט, וועלכע איך האב אנגעהויבען מיט צוואנציג יאהר צוריק האב געהאט אלס צוועק די בעסערונג פון דעם וואוילשטאנד און פונ'ם פרעסטיזש פון רומעניען.

מיט אכטונג. — אריסטיד בלאנק.

וואס פאר א ווירקונג דער דאזיגער בריעף האט געהאט, איז זיך זעהר לייכט פארצושטעלען. דאס נאציאנאל געשטימטע אידענטום האט געברענט פאר בושה, די רומעניער האבען שטילערהייד געלאכט און די בראווע סטודענטישע יוגענט האט פון דעם מוסר השכל געלערענט און איבערגעחזרט די זעלבע עקסצעסען אין טשערנאוויץ און אין יאסי, און נאך א ברוטאלערער פארם.

די אידישע פרעסע האט שארף רעאגירט אויף דער מה־יפית'דיגער האלטונג פון בלאנק'ן. אין אן אפענעם בריעף צו אריסטיד בלאנק'ן אין דער טשערנאוויצער אידישער צייטונג "אסט", ווערט דער לעצטער געטאדעלט פאר זיין אונווירדיגער אויפפיהרונג. די קעשענעווער צייטונג "אונזער צייט" האט אין א לייטארטיקעל כאראקטעריזירט די העררען בלאנק און חברים אלס דאס וואונדער־פלייש פון דעם אידישען פאלק.

# מתים פארטוישט אויף א ווארשאווער אידישען בית עולם

)־:0:־(

אין ווארשאווער "יוד" לעזען מיר פאלגענדע נייעס:

דעם צווייטען טאג יום טוב, ווען עס קומען פאר לויות אויף די היגע אידישע בית עלמין'ס ווערט די גאנצע ארבייט ווי גראבען קברים און דאס גלייכען געטון דורך ניט אידישע מתעסקים, נאר היינטיגען יום טוב צוליעב דעם וואס די קריסטליכע חגאות איז אויך אויסגעפאלען אין זעלבען טאג, האבען דעריבער ניט געקאנט געבראכט ווערען צו קבורה די עטליכע צעהנדליג מתים. וואס האבען זיך אנגעזאמעלט אין די עטליכע טעג און עס איז אויסגעבראכען סקאנדאלען און פראטעסטען מצד די מלוים און קרובים, אבער בכמעט אלע האבען געמוזט אהיימגעהן מיט גארנישט.

און ווייל קיינער פון בית־עלמין פערסאנאל האט זיך ניט געפונען אויפ'ן ארט איז פארגעקומען אן אונערהערטער סקאנדאל מיט אויסטוישען צוויי מתים, וואס זענען נקבר געווארען דורך "חסד של אמת".

די מעשה דערפון איז געווען פאלגענדע:

אויף קאראווא גאס אין קינפעטארין אנשטאלט איז געשטארבען א יונגע פעווינערין פון לאדז, און ווייל עס האבען זיך ניט געפונען קיין קרובים, האט מען די פארשטארבענע געוואלט איבערפיהרען אין אנאטאמישען אנשטאלט. צום גליק האט מען זיך אין "חסד של אמת" באצייטענס דערפון דערוואוסט. עס זענען ארויסגערופען געווארען די קרובים און די לויה האט געקאנט צושטאנד קומען, און ווייל די יונג־פארשטארבענע פרוי ליגט שוין עטליכע טעג א טויטע, האט דער פארשטעהער פון "חסד של אמת", הער פינקערט באשלאסען אליין צו גראבען א קבר און מקבר זיין די פרוי.

אויך איז פארגעקומען א לויה פון א 74 יעהריגע פרוי ט. ב. וועלכע די קרובים האבען באשלאסען אליין דאס קבר אויסצוגראבען אויף דער בעשטימטער קרקע, די דאזיגע קרובים האט הער פינקערט געבעטען איהם צוצוהעלפען מקבר זיין די יונג פארשטארבענע קינפעטארין, דערפאר וועט ער זיי העלפען מקבר זיין זייער קרובה.

פארשטעהט זיך, אז פאר דער עלטערער פרוי וועלכע איז געווען א פרוי פון אן אנגעזעהענעם חסידישען יוד, איז בעשטימט געווארען א שעהנע קרקע. דאנעגען דער קינפעטארין איז בעשטימט געווארען א זייטיגע קרקע. פארנאכט צו איז מען ענדליך צוגעטראטען צו דער קבורה פון די צוויי פרויען. צום ערשטען האט מען גענומען קובר זיין די קינפעטארין צו וועמענס קבורה עס האבען אויך צוגעהאלפען עטליכע יונגע לייט פון דער אלטערס קרובים, און די איבעריגע זענען געבליבען ווארטען ביז מען וועט נעהמען זיך קובר זיין זייער פארשטארבענע קרובה.

קומענדיג צו צום קבר מיט דער אלטער פרוי, האט זיך ארויסגעוויזען אז די צוויי פרויען זענען פארטוישט געווארען, און אנשטאט די קינפעטארין האט מען נאר קובר געווען דער אלטער פרוי אהן איהרע קרובים און פריינד אויף א זייטיגע קרקע... און די קינפעטארין האט ווידער געמוזט איבערבלייבען אויף מאנטאג דעם ערשטען טאג חול המועד.

## סטודענטען וואס זענען באפאלען די אידישע רעדאקציע וועלען באשטראפט ווערען

ווארשא, מאי 20. (איטא).

דער רעקטאר פון ווילנער אוניווערזיטעט האט ערקלעהרט, אז די סטודענטען וואס זענען באפאלען די רעדאקציע פון „צייט" וועלען שטרענג באשטראפט ווערען.

# צו מיין קינד...

פון מרדכי מילער

איך בין א איד, מיין קינד. און א איד איז דאך געוואוינט צו ווינשעווען. מעג א איד זיין דער ארימסטער קאן ער ארייננווינשעווען אין די מיליאנען אריין...

יא, מיין זוהן. איך בין ארים. אנדערע האבען העכער דערלאנגט, טיפער דערגרונטעוועט און ברייטער זיך פארנומען. דאך וואלט איך דיר וועלען זעהן אין די זעהונגען וואס איך האב אין שטילע נעכט אויסגעוועבט ביים זילבערנעם לבנה־שמייכעל...

„אויסגעוועבט", זאג איך. ניין! ניט דערוועבט... איך בין תמיד געוועזן א רגע אויף אן ארט. דערנאכדעם ווייטער — מארש!...

פארשטעהסט, קינד? א וואנדערער בין איך, איך בין א איד... איך בין א איד... ווי אזוי האב איך געקאנט דערענדיגען?... פאר דיר, זוהן, האב איך שוין עטליכע וועגען אויסגעטראטען... ניט איינמאל זיך די פיס צוטראטען. דאס בלוט איז געריגען אויף די פיסטריט... דיר וועט אפשר פיעל לייכטער אנקומען, ווייל דער וועג איז אפגעראמט אצינד מעהר־וועניגער...

פארשטעהסט, ניט איין שטיין האב איך אויף מיינע פלייצעס געטראגען... כ'פלעג פינדעסטוועגען זינגען מיט מיינע טריט אויפ'ן וועג. ס'איז היימליבער... דו אויך, ווילט זיך מיר גלויבען, וועסט זינגען... וואס פאר א לידער — דאס איז שוין דיין זאך... אין מיין צייט זענען דאך די לידער אזעלכע טרויעריגע, אזעלכע צופייניגטע... דאס לעבען — וואקעלדיג. ס'פאדערט זיך גוט ניט צו פאלען אין לעבענס־ים'יגען תהום...

די וואס געהען מיט א ליעד ווערען טאקע ניט איינמאל געשטרויכעלט. דאס פאלק קאן ניט פארליירען דעם אייגענעמבלוטיגען גרילץ... אט די דיסהארמאניע, וואס גיסט זיך אויס פון פאלקסצער, דורך דעם מויל פון זייער צייטגייסט זינגער...

שפעטער, ווייטער, מוז דאך דער „פאדים" געלייטערט ווערען, און ווער ס'וועט וועבען דעם ווייטערדיגען פאדים וועט דאך א געזעלינטער זיין...

ס'איז מיר פונדעסטוועגען, זוהן, קיינמאל איבעריג גוט ניט געווען. דאך האב איך געהאפט... דאס הארץ האט וועה געטאן אונטער די לעבענס־קלעפ... און דאך זיך ניט אפגעשטעלט און ניט געפאלען... ווייל ווער עס בוינט ארונטער פון הויבען שפיציגען פעלז קאפ, דער פאלט אין לויערדיגע תהום'ען אראפ...

יא, זוהן. העכער, ווייטער און פאראויס! די ירושה־פאהן איז גרייט... אט דער עמבלעם וואס טראגט אי קריוודע אי צער פון פארלאשענע לעבענס פאר דער צייט, פון צופייניגטע הערצער פון ניט דערטרוימטע חלומות און ניט דערטרוימטע אמת'ן, — פון נשמות וואס האבען זיך מפקיר געווען פאר זייער מענשליכקייט און זייער פארוואגלטען דור...

אט דעם עמבלעם גיב איך דיר... טראג!

עס זענען אויך דא פאהנען פון פאלשקייט, פון פאררעט, פון נידערטרעכטיגקייט און צוויי־פנים'דיגקייט, פון דעגענערירטע זוג'עדיגע פלעקען...

די נאטור וועט דאך ארויסלייטערן. ווי קאן דען אנדעריש זיין?... ברייטצעעפענטע און צושטראהלטע הימלען און צוגאסענע ליכטשטראהמען ציהען זיך דאך אין די אייביגקייטען... דאס ביסעל געשטאנק וועט צוטראגען און צעוועהען דער ווינט, און די לופט, ווי דורך פליגעל צופלאטערטע, וועט צושוועבען דעם דופט.

# וואס דער מאזווי קאמיקער טשארלי טשאפלין זאגט וועגן פרויען

ער זאגט אז דער הויפט־אינטערעס אין לעבען איז די פרוי. — ער האלט אז די פרוי איז דער אינטערעסאנטסטער עקזעמפלאר אויף דער וועלט. זי ליפערט דעם קאליר און די שעהנקייט פאר'ן לעבען. — פרויען ווערען מאטעריאליסטישער פון טאג צו טאג.

)־:0:־(

פון נחמן בן נחמן.

)־:0:־(

אלע מאל, ווען דער גרויסער מאזווי־קאמיקער, טשארלי טשאפלין, קומט קיין ניו יארק, ווערט ער באפאלען פון רעפארטערס. יעדער איינער פון זיי וויל עפעס אויסגעפינען ביי טשארלי'ן. פאר יעדען איינעם פון זיי איז טשארלי א שעפענדיגער קוואל. מען קאן פון איהם שעפען און פעדגיג. ער איז א מענש, וואס לאזט זיך רעדען. און דער רעפארטער איז א דארשטיגער מענש: ער נויטיגט זיך אין שטאף!

און אז א מענש קומט צו טשארלי'ן און דערצעהלט איהם, אז ער מוז עפעס ביי איהם ארויסציהען, אז ער מוז עפעס ביי איהם אויסגעפינען, כדי ער זאל דערנאך עס קאנען פארעפענטליכען אין א צייטונג, קאן שוין טשארלי ניט זיין אזא גזלן, און ער מוז שוין אויסהערען אלע אזוי גוט ווי אויף נארישקייטען. ווען פראגען און ענטפערען אויף קלוגשאפטען, טשארלי קומט קיין ניו יארק איז ביי איהם א רענדעל א מינוט. ער איז אזוי פארנומען, אז ער האט אפילו ניט גענוג צייט צו אויסשלאפען זיך ווי עס באדארף צו זיין. אבער וואס זאל ער טאן, אז ניו יארק האט אזוי פיעל גרויסע צייטונגען מיט רעפארטערס, וואס דארפען מאכען א לעבען פון דער פרעסע?!

דא ערטש ניט לאנג איז טשארלי טשאפלין געקומען קיין ניו יארק. איז צו איהם געקומען א מחנה רעפארטערס און האט געשטעלט פראגען אויף פראגען. איינער האט איהם אבער צוגעדריקט צום וואנט און האט ביי איהם ארויסגעצויגען אן אינטערוויו וועגען פרויען, וועגען הייראט און וועגען דער ראליע פון דער פרוי אין'ן לעבען פון דעם מאן. און טשארלי האט אויף די פראגען געענטפערט גארניט מעשה קאמיקער, זיינע ענטפערס זענען ניט קאמיש, נאר טראגיש. טשארלי טשאפלין איז דער עלעגאנטער קאוואליער, נאך וועמען עס לויפען נאך מאסען פרויען און דאנקען דעם אויבערשטען, אז ער קוקט זיך אויף זיי אום. און טאקע דערפאר איז אזוי אינטערעסאנט צו אויסהערען זיין מיינונג וועגען דער פרוי — וועגען דער פרוי בכלל און וועגען דער היינטיגער פרוי בפרט.

טשארלי טשאפלין זאגט, אז זיין נסיון האט איהם געוויזען, אז די פרוי, מיט אלע איהרע חסרונות און מעלות, איז פארט דער איינציגער קוואל פון פרייד, פון געניס, פון שעהנקייט און קאליר. זי איז די איינציגע באשעפעניש אויף גאטס וועלט, וואס ליפערט אומדערשעפליכע קוועלען און פארגעניגען פאר דעם מאן. פרויען האבען אין זיך עפעס א כשוף, וואס ציהט און מאגנעטיזירט. ווען ניט זיי וואלט דאס לעבען פון דעם מאן געווען גרוי, אומאינטערעסאנט. די פרוי פילט אויס די פוסטקייט פון לעבען. זי פילט אן דעם לעבענס־בעכער מיט פרייד, פרייד און פרייד.

ערשט מיט גאר א קורצער צייט צוריק האט מען אין דער אמעריקאנער פרעסע געפויקט און געבארעבאנגעוועט וועגען טשארלי טשאפלינס שידוכים: אין דער און־דער צייטונג האט מען פארזיכערט, אז טשאפלין האט שוין געטאן א שידוך. איז געקומען אן אנדער צייטונג און האט פארנאנדערגעקלונגען די נייעס, אז טשארלי איז נאך א בחור און ער טראכט אפילו ניט וועגען פארשלייערען זיך. דער רעפארטער פון דער צייטונג האט זיך דעריבער שטארק אינטערעסירט צו אויסגעפינען ביי טשארלי'ן דעם סוד פון הייראט, ווי אזוי ער באציהט זיך צו הייראט בכלל און צו פארהייראטע פרויען בפרט. טשארלי האט זיך אביסעל געוויצעלט, געמאכט קלאונישע שטיק און געלאכט מיט א הוילביג געלעכטער. דערנאך האט ער אנגעצויגען אויף זיך אן ערנסט פנים און האט געזאגט, אז ער איז נאך דערווייל ניט קיין פרויען־האסער, אבער ער האט אויסגעפונען, אז די פרוי — די היינטיגע פרוי, איז געווארען צופיעל פראקטיש, צופיעל מאטעריאליסטיש, און זי האט פארלוירען צופיעל פון איהר סענטימענטאליטעט. טשארלי גלויבט באמונה שלימה, אז מענער זענען פונקט אזוי סענטימענטאל ווי פרויען, אויב ניט נאך סענטימענטאלער....

ווען דער רעפארטער האט איהם געשטעלט די פראגע פארוואס ער האט ניט חתונה, האט זיך דער מאזווי־קאמיקער פאר איהם מודה געווען, אז ער שטעלט זיך פאר דאס פארהייראטע לעבען אלס שרעקענס־גייסט. פאר טשארלי'ן איז די הייראטס־פראגע א פראבלעם פון לעבען און טוידט. ער דענקט, אז הייראט איז שרעקליך, זעהר שרעקליך. עס רויבט אוועק פון א מענשען זיין זעלבסטשטענדיגקייט. עס מאכט איהם אומאינטערעסאנט ווי אן אפגעטראגענער שוך. הייראט איז א טוידט. צוויי יאהר הייראט זענען גענוג צו דערשטיקען אין דעם מענשען דאס געפיהל פון פרייד, פונ'ם לעבעדיגען לעבען.

טשארלי טשאפלין האט דאן געהערט וועגען דער קינסטלער־וועלט. ער האט געזאגט, אז ווען דער צופאל שפיעלט אפ א מענשען א שפיצעל, און צוויי גלייכע מענשען פארבינדען זיך צווישען זיך, קאן אזא הייראט האבען א קיום. ווען אבער גאנץ־געוועהנליכע מענשען ווילען פיהרען א לעבען, ניט זייענדיג גלייך איינע צו די אנדערע מיט זייערע סענטימענטען און זייערע גייסטיגע אייגענשאפטען, איז זייער בונד א קינסטליכער, אזעלכע צוויי ווייטע מענשען ווערען איינע די אנדערע גיך דערעסען, און דער סוף מוז זיין א טראגישער. א מענש מוז האבען עפעס א גייסטיגע פארבינדונג, כדי ער זאל זיך קענען צופאסען צו אימיצען און אויסלעבען מיט איהם די יאהרען מיט די טעג. אויב דער גייסטיגער צובונד פעהלט, פעהלט אלץ; קאנען זיך מענשען ניט פאארען ניט נאר אויף אייביג, נאר אפילו אויף א באשטימטער צייט.

רעדענדיג וועגען דער העלדין פון זיין פאטאפליי "די פאריזער פרוי" וועלכע האט ארויסגערופען אזא שארפע קריטיק און האט געוויזען ווי ווייט טשארלי איז ווייט פון א דראמאטורג, האט דער געניאלער קאמיקער געזאגט, אז זיין העלדין איז גארנישט עהנליך צו אנדערע העלדינען פון די געוועהנליכע מעשות. זי איז גאר אן אנדערע. דער מחבר האט איהר געשילדערט אויף אן אופן, אז דער מענש פון דער זייט קאן מיינען, אז דער טיפ איז נאר אין לעבען ניט בנמצא. זיין העלדין פארליעבט זיך אין א קליינשטעדטעלדיגען פארשוין ניט ווייל זי איז אזוי להיט נאך דער שטילקייט פון לעבען; נאר דערפאר וואס ער גיט איהר דעם געניס, דעם נאטירליכען תענוג. די שטילע אידילישע ליידענשאפט. דער שטאדטישער מענש קאן דער פרוי אזא פארגעניגען ניט שאפען, ניט דערפאר ווייל ער וויל ניט, נאר דערפאר ווייל ער איז צו שטורעמדיג, ווייל ער לעבט צו האסטיג, צו סטיכיש.

טשארלי טשאפלין קאן דעם כאראקטער פון דער פרוי. ער האט אויף זיין לעבען פיעל פרויען באגעגענט. עס פארשטעהט זיך, אז ער האט בלויז געזעהן דעם שוים פון דער געזעלשאפט. ער האט געזעהן די אריסטאקראטישע פרוי מיט די שעהנע מאניערען, מיט די מאניקיורטע נעגעל און די געפודערטע באקען מיט די געפארבטע ליפען. די פאלקס־פרוי איז פאר איהם א רעטעניש. ער קאן זי ניט, מחמת די סביבה, אין וועלכער ער האט זיך זיין גאנץ לעבען געדרעהט, איז אן אנדערע, א פרעמדע און ממילא קאן זי צום הארץ פון אזא פארשוין פון אזא העלד ווי טשארלי טשאפלין ניט צוקומען. זי קאן אפילו צו זיין טיהר ניט צוקומען.

די ארויסגעזאגטע געדאנקען קאנען אבער געבען א כאראקטעריסטיק וועגען די רעגונגען און ליידענשאפטען, מיינונגען און טראכטונגען פון דער אריסטאקראטישער ברידערשאפט, די הייראטס־אינסטיטוציע ווערט דארט אין א חורבה פארוואנדעלט. די היפאקריטישע ברידערשאפט פלייסט זיך דעם אמת צו באהאלטען. אבער דער אמת וועט מוזען אויף דער אויבערפלאך פון דעם לעבען ארויפשווימען. די הייראטס־אינסטיטוציע איז א שטיק היפאקריטישע נארעריי, וואס גילט צו צונויפפארען א וואנט מיט א וואנט און פארוואנדלען מענשען אין קנעכט — קנעכט צו זיך אליין און צו זייערע ארומיגע מענשען.

## 50,000 שווארצע אידען געפינען זיך אין אביסיניען

פאריז מאי 19, (איטא).

אין צוזאמענהאנג מיט'ן באזוך פון דעם פרינץ רעגענט פון אביסיניען, ראסטא פאדרי, אין פראנקרייך, האט דער „טאן" אפגעדרוקט אן ארטיקעל וועגען אביסיניען. לויט די אינפארמאציעס פון „טאן" פארנעהמט אביסיניען א שטח פון 600,000 קילאמעטער מיט א באפעלקערונג פון זיבען ביז אכט מיליאן, צווישען זיי פופציג טויזענט שווארצע אידען, אדער די אזוי גערופענע פאלאשען.

פיילס
ליידט ניט נאך א טאג פון בייסענדע, בלוטענדע און שמערצליכע פיילס. קיין כירורגישע אפעראציע נויטיג. דאקטאר טשייס'עס אוינטמענט וועט אייך זאפארט פארלייכטערען און אייך געבען דויערדיגען בענעפיט. 60ס. א באקס: אלע דילערס, אדער: עדמאנסאן, בייטס און קאמ. לימיטעד. טאראנטא. סעמפעל באקס פריי. דערמאהנט די צייטונג און שיקט 2 סענט פאר פאסטעדזש.

# אין „פאלים קאורט“

### ניטא קיין ארבייט.

דזשאזעף האנספארד האט זיך ארומגעדרעהט איבער אונזערע שעהנע גאסען, האט אריינגעקוקט אין די פענסטער פון די רעסטאראנען און האט געזעהן ווי פעטע פארשוינען מיט גלאנצענדיגע פליכען אויף די קעפ זופען קאווע און פארבייסען מיט פלאדען און אנדערע זיסע מאכלים.

אזוי גיך ווי דער ריח פון דער פרישער קאווע איז אין זיינע נאזלעכער אריינגעקראכען, האט אין זיין מאגען אויסגעבראכען א גרויסע רעוואלוציע. דער מענש האט א שטיק צייט געקעמפט קעגען זיין זינדיגען מאגען, ביז ער האט זיך דערקלעהרט אלס באנקראט.

דערנאך איז ער אוועק אין פאליצייסקען שטיבעל און האט געבעטען, אז מען זאל איהם אוועקשיקען אויף עטליכע חדשים אין קאטוף. דערהערט אזעלכע קלאהרע דיבורים, האט זיך די גערעכטיגקייט אנגעכאפט אן דעם ווי אן א הייסען שטיין, און האט גלייך אריינגעשריבען אין דעם גראבען בוך, אז דער מענש געהט אויף זעקס חדשים אין חד גדיא.

אבער אין דעם אייגענעם אויגענבליק האט זיך אונטערגעכאפט א פאליצייסקער־שמיש און האט געזאגט, אז דער מענש קען נאך אפעסען ביי דער גערעכטיגקייט דעם קאפ. האט מען מען זיך צוגעהערט צו דער שטים פון דעם פאליצייסקען שמיש און מען האט דעם מענשען פארשיקט אויף דריי חדשים אין קאטוף, אויב ער זאל אבער האבען א דאלאר, וואלט ער געקאנט געהן אהיים שלאפען.

הכלל, עס איז ביטער. א מענש וואס האט ניט קיין אייגענע באנק, מוז ווערע אן עקטער און שפיעלען די פיעסע 'שלעכט אהן געלד'...

### וואו איז דער אמת?

אויב אימיצער וועט כאפען דעם אמת'ן אמת פאר'ן עק — זאל ער זיין אזוי גוט און פרום און זאל עס ברענגען אין דעם מאנסבילישען שטיבעל פון דער גערעכטיגקייט, ווייל דארט דארף מען דעם אמת'ען אמת זעהר נייטיג האבען; מען קען זיך דארט ניט באגעהן אהן דעם אמת...

און נאך מעהר האט מען זיך אין דעם אמת'ן אמת גענויטיגט נעכטען, ווען מען האט אריינגעבראכט א יונג בחור'ל מיט'ן הייליגען נאמען נייטען סמיט און מען האט דערצעהלט, אז ער איז געווען אזוי איידעל און האט ארויסגעלאטכענט פון א געוויסען טייסטעריל א סומע פון העכער פיער הונדערט דאלאר. דער אייגענטימער פונ'ם טייסטעריל איז איינער א מענש מיט'ן נאמען יאנקעל קארנבלום.

האט מען אוועקגעשטעלט דעם הער קארנבלום און מען האט ביי איהם געצויגען לשון. האט ער דערצעהלט, אז מען האט ביי איהם ארויסגעשלעפט אזוי פיעל און אזוי פיעל ממתקים. איז דאס אבער נאך געווען ווייניג. האט מען ארויסגעריפען א קליינעם בחור'ל, וועלכער האט דאס גליק צו זיין א זוהן פון דעם קאזאק הנגזל, יאנקעל קארנבלום. אבער דאס בחור'ל האט זיך אזוי גיך ניט ארויסגעדרעהט. ער האט געמוזט זאגען אויב ער ווייסט וואס איז אזוינס א ליגען און צי ער האט אמאל געזאגט א ליגען, און פון וואנען ער ווייסט, אז סמיט האט ארויסגענומען ביי זיין געעהרטען טאטען ניט ווייניגער ווי פיער הונדערט און זעקס און צוואנציג דאלאר?

דאס בחור'ל האט נעבאך געשוויצט ווי א ביבער און האט געדארפט אויסשטעהן אלע קאפריזען פון דער מאדאם גערעכטיגקייט. און דער סוף איז געווען א גוטער — כמעט ווי א דראמע פון א שונדיסטישער פאבריק. די גערעכטיגקייט האט די "קיים" ארויסגעווארפען פון שטיבעל. דער בעל־דבר, דער אייגענטימער פון דעם טייסטעריל, איז אבער געבליבען ניט צופריעדען, און ער האט געסטראשעט, אז ער וועט דערלאנגען צו א העכערען געריכט און וועט אזוי לאנג קלאפען אין די טירען ביז זיין שטים וועט מוזען געהערט ווערען.

מילא, זאל ער — אויך מיר א דאגה! אבי דאס בחור'ל איז פריי און ער קען פאהרען אין וואודביין צו די לויפענדיגע פערדלאך....

### ער איז א גיכער מענש.

מאקס ראשט איז א פארנומענער מענש. ער האט ניט קיין צייט צו באדערען זיך מיט דער מאדאם גערעכטיגקייט און ער וויל ניט פארברענגען זיין צייט מיט נארנישט.

אזוי האט מען געקאנט ארויסדרינגען פון זיין האנדלונג.

מאקס איז נעכטען געווען א פליגקער גאסט אין די טויערען פון רחמים. ער האט זיך שטארק געאיילט און איילינדיגערהייט האט ער אויסגעהערט דעם ווערדיקט פון דער גערעכטיגקייט און האט איילינדיגערהייט איינגעצאהלט דריי הונדערט דאליארטשיקעס מיט "עפעס" און איז איילינדיגערהייט ארויסגעלאפען פון חסידים־שטיבעל.

אורזאך? — שנעפסעלדיגע געשעפטען.

אז דער מענש איז ביזי ווי א ביהן איז דאך ניטא וואס צו רעדען א סך!....

### מען ארבייט פאר'ן טייוועל.

פרענק טאני איז אליין א קינד פון דער זוניגער איטאליע. א חשק צו קאנאדער דאליארטשיקעס האט ער אבער פונקט ווי א געבוירענער אמעריקאנער מיניסטער.

זאל ניט פעהלען א האר!

האט ער געארבייט, געריסען קריעה און געזאמעלט א סענט צו א סענט. עס פארשטעהט זיך, אז דער מענש האט געהאנדעלט מיט טריפ'ע סחורה און האט נאך געוואלט ווערען א פרעזידענט פון א קלויסטער. אבער די גערעכטיגקייט האט זיך אינטערגעכאפט אין דער צייט, ווען דער איטאליענער מענש האט געהאלטען אין אפזעצען דעם ביטערען טראפען, און האט איהם פארשטעלט דעם וועג, ארויספישענדיג פון זיינע קעשענעס ניט ווייניגער ווי דריי הונדערט מיט דריי דאלאר.

# ער און זי

(סקיצע)

פון י. ל. פאקס.

ער: א בוכהאלטער אין א קליידער־געשעפט, אכט־און־צוואנציג יאהר אלט. הויך געוואקסען, גוט געבויט, — מיט א קאפ בלאנדע געקרויזטע האר, בלויע פארחלומ'טע אויגען, צארטער בליק. אין א ראזעווע דורכזיכטיגע הויט.

צווישען באקאנטע איז ער געווען פאררעכענט אלס געבילדעטער, אנשטענדיגער, ארענטליכער בחור.

מארגען ביינאכט געהט ער חתונה האבען — עס איז געווען זיין לעצטע נאכט אליין...

ער איז נאר וואס געקומען פון זיין כלה. געווען מיט איהר אין זאל, וואו די חתונה דארף זיין. אלץ איז באזארגט און צוגעגרייט.. אפילו זיין חתונה אנצוג, היינגט פאר זיינע אויגען אויף דער וואנט.

עס איז זיין לעצטע נאכט אין זיין צימער.. ער פארלעשט דעם לאמפ, לייגט זיך אין בעט אריין, דעקט זיך איבער מיט דער קאלדרע, ציהט זיך אויס פויל, פארמאכט די אויגען, און איז גרייט צום שלאפען.

אין צימער איז שאטעדיג פינסטער, פון א דערבייאיגער גאס לאמטערנע גנב'ענען זיך אריין אין צימער זילבערנע ליכט שטראהלען. די שטראהלען טאפען ארום די ווענט, זוכען און נישטערען אין יעדער ווינקעלע.

ער איז דוכט זיך שטארק מיעד, אבער עס שלאפט זיך נישט. ער לייגט זיך איבער פון רעכטען זייט אויפ'ן לינקען, פון לינקען אויפ'ן רעכטען, דעקט זיך איבער מיט דער קאלדרע איבער'ן קאפ, אבער דער שלאף קומט נישט.

דער שטאדט זייגער שלאגט צוויי.

"צום טייוועל —" גיט ער א ברום. "די צווייטע נאכט ניט געשלאפען".

נעכטען איז ער אויך געווען ביז פיער אזייגער פארטאג. חברים האבען פאר איהם געמאכט אן אבשיעד אוונט. דאס הייסט ער האט זיך געזעגענט מיט'ן בחורשען לעבען... מען האט א סך געטרונקען, גערויכערט, זיך געוויצעלט אויף זיין חשבון.. און צוויי דעם זייגער פארטאג, איז די גאנצע כאליאסטרע אוועק צו מאדאם בראדיער..

אלע זענען געווען גוט אנגעשכורט. ער אויך. זיי האבען אלע דארטען געטאנצט מיט די האלב נאקעטע מיידלאך פון יענער הויז.. און נאכהער? יא, נאכהער? צו אלדע שווארץ יאהר! וואס קריכט עס מיר היינט אין קאפ מעהר ווי אלע מאל? — האט ער צו זיך אליין גערעדט.

"איז דאס דען א נאווינע?" ער האט אנגעפאנגען צו באזוכען די דאזיגע הייזער ווען ער איז אלט געווען זיבעצען יאהר. שוין זיך געהאט אנגעשטעקט מיט "סיפיעליס".... זיך אויסגעהיילט און זיך ווידער אנגעשטעקט... אין עס איז איהם קיינמאל אויף די געדאנקען ניט געקומען אז ער האנדעלט ניט ריכטיג... דערצו איז ער דאך ניט דער איינציגער, זיינע אלע חברים, אנשטענדיגע יונגע לייט טוען דאס זעלבע...

ער האט אנגעהויבען צעהלען, איינס, צוויי דריי, פיער, — ער האט געהערט אז צעהלען איז א סגולה צום איינשלאפען. דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז געווען, וואס אין אן אנדער צייט פלעגט ער נאר דארפען אוועקלייגען די קאפ אויפ'ן קישען, און ער פלעגט גלייך איינשלאפען..

דער צעהלען האט אויך ניט געהאלפען. איהם איז שטארק היים געווארען. ער האט ארונטערגעווארפען פון זיך די קאלדרע, זיך געווארפען הין און הער, און אין מח האט עפעס אן אומפארשטענדליכע מורא געגעבערט, און אינערליכע שטימען האט אנגעזאגט... בחור נעהם חשבון הנפש... ציה ארונטער די אונטערשטע שורה.. דו האסט דיין כלה שטארק ליעב... אזוי אמוועניגסטען זאגסטו — דו ווילסט זי זאל קומען צו דיר ריין אומשולדיג, און דו?

ער איז ארונטער פון בעט, אנגעצונדען דעם לאמפ, ארומגעשפרייזט איבערן צימער. ארויסגעקוקט אין דרויסען, אן אומרוה האט זיך אין איהם אויסגעשפרייט...

אין דרויסען האט דער מזרח זיך געזילבערט. זיין קאפ איז איהם בלייאיג שווער געווארען — ער האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש. אנגעשפארט זיין מיעדען קאפ אויף זיינע הענט, און איז איינגעשלאפען.

אין שלאף האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז ער האלט אין זיינע הענט א ווייסע טויב, מיט אן איבערגעשניטענער האלז. און טראפענס בלוט קאפען ארונטער צו זיינע פיס...

---

זי: א צארטע צוואנציג יאהריגע מיידעל, מיט א קאפ שווארצע לאקען, א זוניג ליכטיגער פנים. טונקעל ברוינע סאמעטענע אויגען. איהר בליק פול מיט טיעפע סודות'דיגע צערטליכקייט, איהרע באוועגונגען, שטיל, ווייך צנועה'עוודיג.

זי האט געענדיגט פאלקס שולע, און הויך שולע, שפיעלט גוט פיאנא, האט א אסך געלעזען. ביכער, וועלכע לערנען, אז ליעבע אין הייראט איז א הייליגקייט. פון דעם דאזיגען ביכער קוואל האט זי געשעפט איהר ערפאהרונג אין לעבען.

זי איז א טאכטער ביי איהרע עלטערען, א שוועסטער ביי איהרע ברידער. איהר באשעפטיגונג, א הויז זיצערין.

עס איז שפעט ביינאכט, אין הויז איז ווי אקארשט טאג געווארען, איהר מאמע, עטליכע שכנ'ישע באקאנטע ווייבער, און א געדונגענע קעכין גרייטען צו אלעס צו דער מארגען ביינאכטיגער חתונה...

איהר פאטער מיט איהרע ברידער, טראגען ארויף פון קעלער אנגעגאסענע פלעשער וויין, א פריידיגע ערנסטקייט איז אויסגעשפרייט איבערן שטוב..

זי העלפט אויך. נאר אט רופט איהר צו איהר מוטער און זאגט צו איהר צערטליך, קינד מיינס: געה בעסער לייג זיך אפרוהען. זיך גענוג אנגעגאנגען היינט, און מארגען ווערסטו נאך דארפען פאסטען....

זי רויטעלט זיך. איהר פנים ווערט באגאסען מיט א ראזאווער צנועה'דיגער שעהמעוודיגקייט, זי געהט אוועק צו זיך אין צימער.

עס איז איהר לעצטע נאכט אין איהר "סאנקטא סאנקטאריום", איהר צימער איז א הייליגער טעמפעל, וואו קיינער האט נאך ניט אריינגעטראטען... זי איז די געטין אין דעם דאזיגען טעמפעל. און וואו קיינער האט נאך ביז איצט ניט אריינגעטראטען. זי איז די געטין אין דעם דאזיגען טעמפעל. און קיינער האט נאך איהר ניט געזעהן אין איהר הייליגנאקעטקייט... און מארגען! עפעס ניט אין איהר א רויש א הייסע זודיגקייט, צוגיסט זיך איבערן גאנצען קערפער, אין שטראמט אריין אין איהר פנים.. זי קוקט אריין אין שפיגעל — טוט זיך אויס די קליידער, ציטערט, — רויטעלט זיך, און פארשעהמט זיך פאר איהרע אייגענע געדאנקען....

זי פארלעשט דעם לאמפ אין איהר צימער, און לייגט זיך אריין אין בעט.

אין עס־צימער שלאגט דער זייגער צוויי.

זי איז פארטראכט, שטארק מיעד, אבער עס שלאפט זיך נישט. דער מארגען! יא, דער מארגען!... גראבעלט איהר אין מח. וואס האלט דער מארגען אנגעגרייט פאר איהר?... איהם האט זי ליעב, שטארק ליעב. וועט ער זיין גוט צו איהר?...

זי האט געהערט און ווייס, עס איז אן אנגענומענער כלל. אז מענער מענען. זי האט געהערט אז עס איז א נויטווענדיגקייט פאר מענער.... זי ווייס ניט פארוואס א בחור קאן ניט לעבען אזוי ריין און אומשולדיג ווי א מיידעל ביז דער חתונה...

זי שטעלט זיך פאר.

ער מיט אן אנדער פרוי, און אויסגעלאסענע. פלייכט נאך גאר ניט לאנג צוריק. זי האט געהערט וועגען קראנקהייטען וואס מענער קריגען פון אויסגעלאסענע פרויען.... און מארגען וועט ער זיין מיט איהר... עס שוידערט איהר. און עס ווערט איהר היים....

"אה גאט! וואס פאר א נארישע געדאנקען עס קריכען מיר אין קאפ," מורמעלט זי צו זיך אליין. "ער וועט דאס נישט טאן." ער איז דאך אזוי אנשטענדיג, אזוי איידעל, דערצו איז ער דאך אזוי קלוג און ווייסט דעם לעבען. ער מוז דאך געוויס וויסען, וואס עס קומט ארויס פון אן אויסגעלאסענעם לעבען... ניין! ניין! איך וועל עס אויף איהם ניט גלויבען. ער מיט אן אויסגעלאסענער פרוי? קיינמאל נישט!" מיינע נארישע געדאנקען פארפיהרען מיר.

מארגען! — גיט ווידער א ברען איהר אין מח. הייסע זודיגקייט שטראמט דורך איהר קערפער. זי שליינגעלט זיך אין בעט ווארפט זיך ווי א פיש אין וואסער, קארטשעט זיך איין און ציהט זיך אויס, זי לייגט זיך אויפ'ן רוקען, דא אויפ'ן בויך, אן אומפארשטענדליכע נייגעריגקייט ברענט אין איהר....

דורך די פארהאנגענע פארהאנגלאך דרינגט אריין דער פריה־מארגען אין איהר צימער. זי איז פון שווערע מיעדקייט איינגעשלאפען —

אין שלאף דוכט זיך איהר אויס, אז זי איז פעסט איינגעקלאמערט אין די ארעמס פון א ריעזיגער, מיאוסער שמוציגער קלעפיגער באשעפעניש...

---

דאס איז כמעט דער גאנצער קאפיטאל וואס דער מענש האט פון די ביטערע געשעפטען אפגעשפארט.

עק וועלט! מען וואלט געקאנט מאכען א לעבען — לאזט מען ניט!

### דעטעקטיוו ראטעוועט א מענשען

דעטעקטיוו וואטערהויז האט נעכטען נאכמיטאג געראטעוועט דאס לעבען פון אנטאן ליפרום, 218 ריטשמאנד סט. ליפרום איז געלעגען א פאר'חלש'טער פון גאז און דער דעטעקטיוו האט איהם געפונען און אפגעראטעוועט.

Bell Bulletin
of Service Helps

Vol I. 1924 No 11

אין א געוויסען אוונט האט מיין היים־טעלעפאן געקלונגען.

„מר. מארטין“, האט א שטים געזאגט, „דאס איז הערריסאן פון די איידיעל פיינט קאמפאני. איך ענטשולדיג זיך פאר אפרופען אייך אין דיזער שטונדע אבער איך האב עפעס וואס איז ווערטה“.

„איהר קאנט אונזערע גודס — יא, איהר קאנט? איך בין גרייט צו געבען אייך די בעסטע באהאנדלונג. וואס איהר האט ווען געהאט. וועט איהר מיר געבען א שאנס אויפ'ן גרונט פון דער ערשטער קלאגע — אדער איך בין פארטיג?“

„איך קאן זייערע גודס אויסגעצייכענט, און זיין ערנסטער און איינדרוקספולער געשפרעך האט געמאכט א זעהר גוטען איינדרוק. שנעלע, פערזענליכע סערוויס מיינט פאר מיר פיעל, און איך האב איהם צוגעזאגט מיין נעקסטען ארדער“.

דאס איז אין אינצידענט אין א קאמפיין וואס דיעזער אומערמיעדליכער און איינגע'עקשנ'טער סיילסמאן פיהרט אן ביי לאנג דיסטענס נאך 8.30 אוונט — וועלכעס מיינט געוועהנליך צו א העלפט פון די בייטאג־צייט רייטס. אויף קיין אנדער וועג קאן ער ניט פארקויפען זיין פערזענליכקייט נאך די ביזנעס־שטונדען.

אויסקלייבענדיג זיינע נעמען פארזיכטיג, זאגט ער אז ער קריגט כמעט שטענדיג א גינסטיגע אויפנאהמע.

„איך האב זיי צוגעזאגט מיין נעקסטען ארדער“.

נוצט די בעל צו פארקויפען

THE BELL TELEPHONE COMPANY OF CANADA

Frank Kennedy
Manager

# די ערשטע 25 טויזענט דאלאר פון אן אמעריקאנער נדבן פאר דעם אידישען אוניווערזיטעט אין ירושלים

א סטייטמענט וועלכער איז ארויסגעגעבען געווארען פון מר. סאלאמאן וויינשטיין, דער פרעזידענט פון דער אמעריקאנער ציון קאמענוועלטה, מאכט בעקאנט דעם פאקט, דאס דער ערשטער ענדאומענט פאנד פאר דעם אידישען אוניווערזיטעט אין ירושלים איז געגרינדעט געווארען. די סומע בעשטעהט פון 25 טויזענט דאלאר און דער פאנד איז געגרינדעט געווארען אין נאמען פון דר. חיים וויצמאן.

ווען דר. וויצמאן האט אויף זיין טור פארן קרן היסוד באזוכט ניו ארלעאנס האט מר. סעמיועל זעמארי, אלס צייכען פון פערזענליכער הויכאכטונג, איהם איבערגעגעבען פאר פינף און צוואנציג טויזענט דאלאר ציון קאמאנוועלט לאנד סערטיפיקייטס, און דר. וויצמאן האט בעשלאסען עס אוועקצוגעבען פאר דעם אידישען אוניווערזיטעט אין ירושלים, צו וועמען די ציון קאמענוועלט וועט צאהלען טויזענט דאלאר יעהרליך. דער ספעציעלער צוועק פון פאנד וועט באקאנט געמאכט ווערען שפעטער.

דער ווינקעלשטיין פון אידישען אוניווערזיטעט איז געלייגט געווארען פון דר. וויצמאן אין יולי 1918, נאך איידער ארץ ישראל איז פאלשטענדיג בעפרייט געווארען דורך די ארמייען פון רזשענעראל אלענבי. זייט דאן האט די אוניווערזיטעט אונטערנעהמונג געמאכט א בעדייטענדען פראגרעס. אגריקולטורעלע און מיקרא־ביאלאגישע אנשטאלטען ארבייטען שוין, און די צובריטונגס ארבייט פאר די מעדיצינישע אבטיילונג וועלען פארענדיגט ווערען דיעזען זומער. די אוניווערזיטעט איז איינע פון די פראיעקטען וואס געהען אריין אין פראגראם פון דער ווידעראויפבויאונגס ארבייט פון ארץ ישראל וואס ווערט אנגעפיהרט פון קרן היסוד.

מר. זעמארי וואס האט מנדב געווען דיעזען פאנד, איז איינער פון די ערשטע און גרעסטע שערהאלדערס פון דער אמעריקאנער ציון קאמאנוועלט, וועלכע איז די אפיציעלע לאנד און קאלאניזאציאנס־אגענטור פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן פון אמעריקא. ער איז אויך א פראמינענטע פערזענליכקייט אין אידישען לעבען און א באוואוסטער פילאנטראפ וואס העלפט אלע עפענטליכע אונטערנעהמונגען.

די אמעריקאנער ציון קאמענוועלטה וועלכע האט געגרינדעט די קאלאניע באלפוריא, וואס געפינט זיך אין דעם היסטאריש באריהמטען און זעהר פרוכטבארען עמק יזרעאל, האלט איצט אין פארענדיגען אין ערפאלגרייכען קאמפיין פאר לאנדפערקויף פון הרצליה, איהר צווייטע קאלאניע און גארטענשטאדט, וועלכע געפינט זיך ביים ים הגדול, 7 מייל פון תל־אביב. זי פיהרט שוין אויך אונטערהאנדלונגען וועגען קויפען א נייע גרויסע שטרעקע לאנד פאר דער גרינדונג פון א דריטע קאלאניע און גארטענשטאדט.

געלד צו לייהען אויף מארגעדזשעס

הייזער קויפען און פארקויפען אינשורענס פון יעדען סארט געזעצליכע און בירגער פאפירען און אלע אנדערע אינפארמאציעס ביי

J. H. GREEN & Co. 293 Spadino Av.
Tel. Trinity 3774

פעקטארי „אוטלעט“ סייל

מיטוואך און דאנערשטאג

פון 9 פריה ביז עלף אוונט

אזו ווי מיר זענען איבערגעשטאקט מיט מאדעל נומ. 3, האבענדיג געמאנופעקטשורט דעו מאדעל מעהר ווי מען האט פארלאנגט ביי די „אלסייל־טרייד אין פארלויף פון די ווינטער מאנאטען, האבען מיר באשלאסען, אום צו אריבערמופען דיזען איבערפלוס־סטאק, צו געבען די אידען פון טאראנטא און די ארומיגע געגענדען א זעלטענע געלעגענהייט צו קויפען א פאנאגראף דירעקט פון דעם מאנופעקטשורער צו ביליגער ווי א העלפט פון דעם רעגולערען פרייז, און אלס אן עקסטרא אינדיוסמענט וועלען מיר געבען —

מיט יעדען פאנאגראף

פריי 40 רעקארד סעלעקשאנס

אייער אייגענער אויסוואהל פון דעם קאטאלאג—אלע סאמע נייעסטע

און איהר דארפט איינצאהלען בלויז

$5.00 קעש

אויף מאדעל נומ. 3

געוועזענער ליסט פרייז $140

איצט ווערט עס פארקויפט צו א שטוינענדען פרייז פון

$67

גאראנטי

איהר קריגט א פינף־יאהר פעקטארי גאראנטי מיט אייער פאנאגראף, אבסאלוט „אייראן קלעד“ איז אייער פראטעקשאן.



קעבינעטס אין פראכטפול פיגורירטע וואלנאט, מעהאגעני, פיומד אוק. אייער אויסוואהל.

באלאנס

$2.00 וועכענטליך

קיין שום אינטערעס ווערט גערעכענט

באזוכט אונזערע שאו־רומס

היינט אוונט אויב מעגליך

מען וועט אייך עפעס אראפרעכענען אויף אייער טייבעל מאדעל פאנאגראף אלס א טייל פונ'ם פיימענט, אויב איהר ווילט עס אריינרעכענען.

עס וועלען זיין צום אויסוואהל פיעל אנדערע מאדעלען צו אויסקלייבען. $140 אפרייט איז רעדוצירט ביז $67. $150 אפרייט איז רעדוצירט ביז $77. $150 קאנסאלס, וואלנאט און מעהאגעני איז רעדוצירט ביז $97. $225 אפרייט, וואלנאט און פיומד אוק איז רעדוצירט ביז $127. אלעס וועט פארקויפט ווערען אויף זעהר לייכטע טערמס, און פערציג רעקארד סעלעקשאנס פריי מיט יעדען אינסטרומענט.

פרעמיער פאנאגראף קא. לימיטעד

PREMIER PHONOGRAPH CO., Limited

אפען ביז 11 א זייגער
יעדען אוונט

505 יאנג סט.
איסט־זייט פון סטריט

1־טער קאר סטאפ נארט פון
קארלטאן און קאלעדזש.

## סטענדערד טעאטער

## מאקס ראם

פרעזענטירט דעם באריהמטען אוקראי־נישען ארטיסט און זינגער

## ד. מעדאוו

צוזאמען מיט זיין גאנצער קינסטלער־טרופע פון ניו־יארק פאר בלויז 2 גאסט פארשטעלונגען.

**מיטוואך אווענט 21־טען מאי**

**נאטאלקא פאלטאווקא**

**דאנערשטאג אווענט 22־טען**

**כמארא**

גרויסער כאהר און באריהמטע טענצער

טיקעטס שוין צו באקומען אין באקס אפיס.

---

הרב. ר׳ ש. פ.

## ריזענמאן

פון תפארת ישראל שוהל

זיין נייע וואוינונג איז אין 145 אנטאריא סט. קארנער קווין סטריט איסט

נעהמט אויף אלע רבנישע אנגעלעגענהייטען, אויך ערשטער קלאס **מוהל** מיט דאקטארישע צייגנישע. ארימע בחנם. און פון 8 ביז 10 אווענט וועט דער רב זאגען א שיעור פאר׳ן עולם גמרא מיט תו״ס. יעדער איד איז ווילקאמען.

טעלעפאן טריניטי 3179 J

---

שוין ערשינען

## א רגע גליק

פון מ. מלמד

פרייז 1 דאלאר

שעהן געבונדען

צו באקומען אין רעדאקציע פון „זשורנאל״

253 קווין זועסט.

---

## סעם סאלוויי

האט די בעסטע

## הארטע קוילען

אלע סייזעס צו דעליווערען צו אלע טיילען פון שטאדט. ריכטיגע וואג טעלעפאנירט טריניטי 2442.

פארגעסט ניט צו געבען אייער אדרעס.

רעזידענס 50 לייקוויו עווענו.

---

**האט איהר אויגען טראבעל?**
**האט איהר קאפ שמערצען?**

דאן זעהט זיך מיט דעם אידישען

**אפטאמעטריסט**

**— און אפטישען —**

וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערמענט

## דר. הענרי העררים

279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספּעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט

**DR. HENRY HARRIS**
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. Near Spadina
Open until 9 p. m.

---

**פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני**

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פּרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מא־נאטליך און יעהר־ליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן ארעלייד 3087

**NEW YORK WINDOW CLEANING CO.**
**10 TERAULEY ST.**

---

## חזן קאפלאנ׳ס

נייער אדרעס איז

**484 בראנזוויק עווענו**

טעלעפאן הילקרעסט 5171 W
אפיס 11 קאלבארין סט.
טעלעפאן מיין 2907.

---

## א קאנפערענץ וועגען פלייש יקרות

### די מאזירער ליידיס אוקזילערי

### און ש. פרונג פרויען קלוב בר. 4 א. נ. א. פ.

רופען א קאנפערענץ פון אלע ליידיס־אוקזילערים און סאסייטיס אין טא־ראנטא צו בארעטען זיך וועגען דעם פלייש יקרות. די בעאמטע פון די ליידיס אוקזילערים און סאסייטיס זענען געבעטען צו קומען.

## היינט 7.30 אווענט

## אין פארבאנד הויז, 24 סעסיל סטריט

---

## א הכחשה בקצור

מיר באשטעטיגען אז אלע באהויפטונגען וואס ווערען ארויסגעזאגט, אז די קהלה איז שולדיג אינ׳ם פלייש יקרות איז בוכשטעבליך פאלש בתכלית השקר והקשרות פון די יעניגע וואס ווילען שטירצען די קהלה.

די קהלה גאראנטירט צו שעכטען פאר יעדען קצב אדער קצבים וואס וועלען קומען שעכטען, אדער קויפען געשאכטענע בהמות אין סיטי שלאכט הויז אהן קיינע שטערונגען.

די קהלה איז עהרליך מיט איהרע מאטיוון. זי שרעקט זיך ניט פאר עפענטליכקייט.

זי איז צופרידען צו געבען אינפארמאציע צו אירגענד וועלכען אידען וואס פארלאנגט צו וויסען וואס פאר עולות דא קומט פאר.

די קהלה בוטשערס זענען געבליבען בלויז אכט, די איבעריגע איבער זעכציג, שעכטען מיט די אגודה שוחטים.

---

קויפט אייערע קוילען פון

## יאנאווער בראדערס

וואו איהר באקומט בלויז גוטע הארטע קוילען.

288½ קווין סט. וועסט. רעזידענץ טריניטי 8781. אפיס טעל. ערלייד 3766

---

# STANDARD THEATRE

טעלעפאן טריניטי 4310

## לעצטע וואך פון סעזאן

**מישא גערמאנס זיי געזונט צו טאראנטא**

**בלויז דריי געזעגענונגס פארשטעלונגען**

**פרייטאג שבת מאטעני און אווענט**

דער באריהמטער אידיש־ענגלישער קינסטלער

## יעקב בן עמי

אלס יענקעל, אין דוד פינסקים הארציגע פאלקס קאמעדיע

## „יענקעל דער שמיעד״

**לוסי גערמאן אלס טאמארע**

„יענקעל דער שמיעד״ איז איינע פון די שעהנסטע אידישע פיעסען. די וועלכע געדענקען בן עמי׳ס גלענצענדע אויפפיהרונג פון „גרינע פעלדער״ און די „פּוסטע קרעטשמע״, וועלען האבען אמת נחת פון בן עמי אלס „יענקעל דער שמיעד״.

---

## דער שעהנסטער קאנצערט פון מושב זקנים

וועט פארקומען

### היינט 8 אווענט אין לאוס ווינטער גארדען

א רייכע פראגראם איז צוגעגרייט, א שעהנע מאווי־פיקטשור און וואדעוויל פון לאוס טעאטער

### באריס האמבורג טשעלא

און ארקעסטער פון 40 באיעס, אונטער דער רעזשי פון מר. ארסעגאי לעהרער פון קיעל סטריט סקוהל. מיס סטערענבערג טאנץ סטודיא, א פיאנא סאלא פון מעקס בראון און א סקעטש פון הרצל ציון קלוב.

טשערמאן פון אווענט: — אונזער אלדערמאן נ. פיליפס.

רעדנער: — אונזער ווירדיגער ראביי בריקנער.

HABERMAN KIDDIES
HABERMAN KIDDIES

די האבערמאן קינדער אין א מיוזיקאל נאוועלטי״

פריינדע, עס איז ניט נויטיג אייך צו זאגען אז איהר וועט זיך פראכט־פאל אמוזירען, ווייל איהר זעהט די פראגראם. צו דער זעלבער צייט שטיצט איהר א נאבעלע אינסטיטוציע וועלכע האלט אוים אומגליקליכע אלטע ווי אויך אונהיילבארע. דארום האפען מיר דאס איהר וועט אלע קומען און ברענגען אייערע פריינט אום צו מאכען די אונטערנעהמונג א סוקסעס.

טיקעטס צו באקומען אין אפיס פון מושב זקנים, 31 סיסעל סטריט.

טאראנטאר מושב זקנים.
י. בעקער, האנארייבל פרעזידענט.
ב. וויים, פרעזידענט.

---

## אויב איהר דארפט גע־זעצליכע פאפירען

אלע געזעצליכע פאפירען, סיטיזען פייפערס אפידייוויטס א.ד.ג. ווערען געמאכט פון

# ה. ווינבערג

דזשאסטיס אף פיעס

**אין אפיס פון „אידישען זשורנאל״**

**253 קווין סטריט וועסט**

---

## דזשולערי דזשאבס

פון אלע סארטען, אלערליי מעדאלס פריוואטע ווי אויך פאר מתנות ווערען געמאכט צו ארדער, אדער ריפּיירד, ביים באוואוסטען דזשולער

# מ. העלער

## 750 קווין סט. איסט

טעלעפאן דזשערארד 7863

ליידיס פאקעט בוקס געפיקסט גוט און ביליג.

---

PANTAGES
NOW PLAYING

ווערט געוויזען די גאנצע וואך

**א וואך פון געלעכטער**

א זיכערער מיטעל צו פארטרייבען דעם אומעט

**״איהר רערוויליגער מאן״**

מיט סידני טשאפלין, אאון מור און סילוויא ברימער

די שפאסיגסטע און קאמישסטע קא־מעדיע וואס האט אנגעשטעקט מיט געלעכטער א וועלט מיט מענשען.

**זעקס גרויסע אקטען פון אל־קאמעדי וואדעוויל**

אנפאנגענדיג נעקסטען שבת:

**״דער אריזאנא עקספערט״**

---

**LOEW'S THEATRE**

א גאנצע וואך

א שפאנענדע בילד

**דער קעמפענדער פייגלינג**

זעקס וואדעוויל אקטען

---

**HIPPODROME**

די גאנצע היינטיגע וואך

**„דיין נאמען איז פרוי״**

פיטשורענדיג

ראמאן נאווארא און בארבארא לא. מאר.

---

## זוכט ניט!

דער מאן וואס קען פיקסען גרא־מאפאנס, סקיילס, שלעסער דעפּיי־רען, נייע שליסלען, בייבי קערע־דזשעס און סטאוווס געמאכט פון אלט ניי, איז דער גוט באוואוסטער

**פ. שלייפער**

אין 459—461 קאלעדזש סטריט

אז איך מאך גוט און ביליג, דאס ווייסט יעדער.

טעלעפאן טריניטי 6621.

---

## דר. ס. פערלמאן

**דענטיסט**

**198A קווין סט. וועסט**

טעלעפאן עדלייד 7279

הויז טעל. הילקרעסט 6373 W

אפען אווענטען.

---

## בלויז חזן וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג

## אלס מוהל

און מסדר קידושין.

אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט.

קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.

וואוינונג 62 בראנזוויק עווענו

טעלעפאן טריניטי 1076.

פאר ארימע אומזיסט.

---

## עלעקטרישען

הויז וויירינג און ריפּיירס, עסטי־מיטס. קיין דזשאב צו גרויס אדער צו קליין. קיין שאדען צו די דעקארא־ציעס ביים פיקסען.

**דזשיי דזשייקאבסאן**

27 באלדווין סטריט

טעלעפאן טריניטי 3248 J

---

## אויפמערקזאם

איהר וועט הנאה האבען פאר אייער געלט ווען איהר גיט אייער דזשאב צו די יונייטעד ארט דעקאריטינג. מיר פיי־פערן, פיינטען און גריינען אייער הויז אינסייד און אוטסייד מיט א צופרידענ־שטעלענדער גאראנטי. גיט אייער אר־בייט צו די יעניגע וואס גיבען אייך א גאראנטי.

**The UNITED ART DECORATORS**

טעלעפאן לייקסייד 5379 W
אדער טריניטי 3894 F

4854-5-24)

---

## לאיער ה. מ. לעהרער

רום 312 פעדעראל בילדינג. טעלעפאן עדלייד 4651 — 4652.

טראסט און פריוועט פאנדס פאר ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.

---

## לאיער אי. סי. סאלאמאן

**אפיס מענינג טשעמבערס, 72 קווין סט. וועסט—רום 207**

טעלעפאן עדלייד 3640 רעזידענץ טעלעפאן: טריניטי 6953 W

---

**מיר קענען פארקויפען אייער צווייטען מארגיידזש**

אויך געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגעדזשעס.

## פעקטאר און שולמאן, לאיערס

מענינג טשעמבערס 72 קווין סט. וועסט. טעלעפאן מיין 4359.

---

## לאיער בירענבוים

**אפיס** **וואוינונג**

דאמיניאן באנק בילדינג
קארנער קווין און בעי.
טעלעפאן ארעלייד 7287.

226 בעווערלי סטריט.
טעלעפאן טריניטי 7406.

---

## לאיער סאל אייזען

באריסטערס, סאליסטער, און נאטארים.

קאמישיאנערס פאר אנטאריא און קוויבעק.

**געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס**

**דאמיניאן באנק בילדינג**
סאר. בעי און קווין סטריטס רום 4
טעלעפאן עדלייד 3083.

**רעזידענס**
484 מארקהאם סטריט.
טעל. טריניטי 1904 W

---

## לואיס מ. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק

קאמישיאנער פו זאלע פראווינצען פון קאנאדע.

לאא אפיס 154 סימקא סטריט.

די נייע טעלעפאן נאמבערס זענען:

**ערלייד 7965 און 7966**

---

## מאלדאווער און ראזענבערג

לאיערס און נאטארים פאבליק

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.

רום 507 פעדעראל בילדינג. ריטשמאנד סטריט.

טעלעפאן עדלייד 2178.

---

## לאיער גלאסס

רום 36—37 אימפיריעל באנק בילדינג. קארנער יאנג און קווין.

טעלעפאן עדלייד 6089 רעזידענץ קענוואוד 4206 J

געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.

---

טעלעפאן עדלייד 7437. רעזידענץ: טריניטי 7024 W.

## לאיער לואיס נ. סאקלאף

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.

**רום 212 מענינג טשעמבערס 72 קווין סט. וועסט**

---

## לאיער דענבערג, ב.א.ל.ל.ב.

רום 224 פעדעראל בילדינג
קארנער שעפּפערד און ריטשמאנד וועסט.

טעלעפאן אדעל.
**1264**

הויז: 32 דיוויזשאן סטריט. טריניטי 3796 W.

---

## לאיער מ. גארדאן ב. א.

באריסטער, סאליסיטאר א. אז. וו.

רום 822 פעדעראל בילדינג

85 ריטשמאנד סטריט, וועסט. טעל. מיין 1150. רעזידענס טריניטי 4925

---

## ס. קופּטשיק

דער באוואוסטער רעסטאראטאר האט ערעפענט דעם

**רומעניען רעסטאראן און גריל**

**אין 276 קאלעדזש סטריט**

איהר קענט דארטען באקומען אלע רומענישע מאכלים און אלעס וואס אייער הארץ גלוסט.

מיר נעהמען אויך אן צו קייטערען פאר חתונות, באנקעטען און פארטיס.

---

## וויכטיג פאר האמילטאנער אידען

איהר באקומט ביי מיר טעגליכע, וועכענטליכע און מאנאטליכע צייט־שריפטען פון אמעריקא און קאנאדע אין

**56 יארק סטריט** (נעבענאיבער דעם קאמערשעל האטעל)

## דעם „אידישען זשורנאל״

באקומט איהר יעדען פריהמארגען פון דעם זעלבען טאג. איך נעהם אויך אן אלערליי

## אדווערטייזמענטס פאר׳ן „אידישען זשורנאל״

אויב איהר ווילט זיך סובסקרייבען פאר אידישע צייטונגען קענט איהר עס טאן דורך מיר מיט די בעסטע באהאנדלונגען. אלערליי ביכער און שרייב מאטעריאלען קענט איהר ביי מיר באקומען.

## ל. לואיס 56 יארק סטריט, האמילטאן

טעלעפאן רידזשענט 3045 F